# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

נומער 10 • מאנטאג, י"ג כסלו תשפ"ז • 23סטן נאוועמבער 2026 • די וואך פון פרשת וישלח

וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ

דברים ח, י

**אין דעם נומער**

**א שפאציר אין מצה בעקריי**

shatz matz • פעליעטאן

**טענקסגיווינג: קען מען יוצא זיין מיט מודים?**

קאך_לעפל • היסטאריע

**ווי אזוי מאכט מען א געשמאקע קאווע?**

DotCom • קולטור

**א כשר'ע שטיקל חזיר פלייש**

פארוואס? • וויסנשאפט

**דאס רעפטעלע ברויט**

משה געציל • איבערלעבונגען

**פעטיציע קעגן דעם סדר פון שבת'דיגע מאכלים**

א שמועס פון קאווע שטיבל

# ארכיוו

נומער 10 • מאנטאג, י"ג כסלו תשפ"ז
23סטן נאוועמבער 2026 • די וואך פון פרשת וישלח


**הקדמה**

# וואס עסט מען? א נומער וועגן עסן

א גוטן מאנטאג, טייערע לייענער!

די וואך איז טענקסגיווינג, דער אמעריקאנער „דאנק־טאג“, ווען מיליאנען מענטשן זעצן זיך צו א טיש מיט א גרויסן אינדיק. האבן מיר געגעבן דעם נומער א טעמע וואס איז נאענט צו יעדן, אויך צו די וואס עסן נישט קיין אינדיק: עסן. וואס מען עסט, ווי אזוי מען עסט, און וויפיל עס קאסט.

מיר הייבן אן מיט א שפאציר אין א מצה בעקעריי מיטן בלאגער „shatz matz“: פונעם ווייץ־פעלד ביזן אויוון, פונעם קנעטער ביזן שיבער, און די שאלה וואס יעדער פרעגט יעדעס יאר: פארוואס זענען מצות אזוי טייער? דערנאך פירט אונז „פארוואס?“ אריין אין א לאבאראטאריע, וואו מען וואקסט פלייש פון א פאר צעלן, אן א בהמה און אן א שחיטה. וואס וועט זיין מיט כשרות? און וואס וועט ווערן פון דעם אלטן אויסדרוק „דו חזיר!“?

„קאך_לעפל“ דערציילט די געשיכטע פון טענקסגיווינג – די פילגרים, די אינדיאנער און די ערשטע סעודה – און פרעגט צי מען קען יוצא זיין מיט מודים. „משה געציל“ ברענגט א ליד פון א פרוי וואס האט איבערגעלעבט די מלחמה, וועגן א רעפטעלע ברויט וואס זי האט קיינמאל נישט פארגעסן. און „DotCom“ ערקלערט ווי אזוי מען מאכט א געשמאקע קאווע, פונעם בוים ביזן גלעזל.

אינמיטן נומער זיצט מען ביים טיש: „טיטאניק“ לייגט פאר א פעטיציע קעגן דעם סדר פון שבת'דיגע מאכלים, און דער עולם אויף קאווע שטיבל שטעלט זיך איין פאר זיין טשאלנט. „בעל מדות“ נעמט אונז מיט צו א קידוש לכבוד א נייגעבוירן מיידל, מיט אלע טעלעפאנען און אלע קוגלען. דערצו: פערל פון די ארכיוון (וואס עסט מען פאר לאנטש?), „היינט מיט . . . יאר צוריק“ (קידוש לבנה, און א מענטש וואס וויל אביסל טראכטן), און די תגובה פון דער וואך.

אלע שטיקער זענען אויסגעקליבן פון די ארכיוון און מגיה געווען לויט די כללים פון אויסלייג און גראמאטיק. דער טעקסט איז געבליבן ווי די שרייבער האבן אים געשריבן, אויסער די תיקונים וואס די כללים פאדערן; וואו מיר האבן עפעס אויסגעלאזט, שטייט [פארקירצט]. גוטן אפעטיט!

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער


| | | |
|---|---|---|
| **פעליעטאן** | א שפאציר אין מצה בעקעריי • shatz matz | **3** |
| **וויסנשאפט** | א כשר'ע שטיקל חזיר פלייש • פארוואס? | **6** |
| **היסטאריע** | טענקסגיווינג: קען מען יוצא זיין מיט מודים? • קאך_לעפל און אנדערע | **7** |
| **איבערלעבונגען** | דאס רעפטעלע ברויט • משה געציל | **9** |
| **א שמועס פון דער וואך** | פעטיציע קעגן דעם סדר פון שבת'דיגע מאכלים • טיטאניק, שמעקעדיג, zurich און אנדערע | **10** |
| **קולטור • קאווע** | ווי אזוי מאכט מען א געשמאקע קאווע? • DotCom | **14** |
| **הומאר** | קידושא רבא אחר התפילה... • בעל מדות | **17** |
| **קורץ און שארף** | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | **19** |
| **היסטאריע** | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | **22** |
| **קאלום** | די תגובה פון דער וואך • berlbalaguleh | **27** |
| **מקורות** | מקורות • די רעדאקציע | **28** |

פעליעטאן

# א שפאציר אין מצה בעקריי

פון ווייץ־פעלד ביזן אויוון: ווער עס ארבעט אלץ אויף איין מצה, און פארוואס זי קאסט וואס זי קאסט. א שפאציר מיט א בלאגער דורך א מצה בעקריי.

פון **shatz matz**

די ערשטע חסידישע בלאגס • שאץ מאץ • „א שפאציר אין מצה בעקריי" • 12טן אפריל 2010
https://ershteblogs.sites.tab.bot/shatzmatz/2010/04/4.html

---

ווי נאר מ'שפאצירט אריין אין מצה בעקריי קומט גלייך אנטקעגן די אלעמען באקאנטע בענקעדיגע ריח הניחוח פון מצה באקן, וואס באגלייט יעדן מענטש מיט א בינטל זכרונות פון ווען ער איז נאך געווען א קינד און געגאנגען זען ווי מ'באקט מצות ביז היינט צו טאג, יאר יערליך בלייבט די מצה בעקריי מיטן זעלבן שמעק, אויב איז עס דעמאטץ געווען אינטערעסאנט איז עס פונקט אזוי אינטערעסאנט היינט צו טאג, דער פיינעם ריח ערוועקט דעם גאנצן פסח'דיגן טעם מיט אלעס ארום איר.

בכלל האבן מענטשן זייער ליב צו זען דעם פראצדור פון מצות באקן, מענטשן קענען שטיין שעות קוקן וויאזוי מ'באקט מצות, דאס איז ווייל מענטשן האבן ליב צו זען פראדאקשן, ס'איז מורא'דיג אינטערעסאנט צו זען ווי מ'נעמט מעל מיט וואסער וואס ווערט קינצליך פארוואנדלט אין א טייג דורך די געשיקטע פינגערס פונעם קנעטער, און פון די קליינע טייגלעך ווערט פלינקערהייט צוואועלגערט א מצה, און דער רעדלער מיט זיין אינטערעסאנטע געצייג בארט און שניידט אריין די לעכער אין דער מצה וואס דאס איז דער דירעקטע גורם צו די ברוינע פינטעלעך אויף דער מצה וואס אט די פינטעלעך זענען דאך די מציאות און די פשוט'ע אפטייטש פון א מצה, ווייל ווען מ'וויל אויסמאלן א מצה קען מען דאס נאר אויסמאלן מיט אזעלכע פינטעלעך...,

דערנאך קומט דער באליבטע געשריי "א מצה אין אויבן אריין", און מ'קען טאקע קוקן שעה'ן ווי דער שיבער לייגט אריין טייגלעך און נעמט ארויס פיינע פרישע שמעקעדיגע מצות, דאס איז אלעס ווייל מענטשן גלייכן צו זען פאבריקאציע, א ראי' האסטו אז דוקא דאס איז די אינטערעסע, ווייל מענטשן אינטערעסירט נישט אזוי שטארק צו קוקן ווי מ'פיצט שטעקעלעך אדער ווי מ'פאקט איין די מצות אין די באקסעס ווייל דאס איז נישט קיין שום פראדאקשן, דאס איז בלויז פשוט'ע און סימפל ארבעט, ממילא איז דאס נישט אזוי אינטערעסאנט.

אבער לאמיר כדרכינו ארום שמיסן איבער די טעמעס פון די אנדערע זייט וואנט און גלייכצייטיג ארויס האבן וואס און וויאזוי ווערן מצות געמאכט,

[פארקירצט]

מיר האבן געוועגדליך ליב צו בארירן נקודות וואס דער המון עם ווייסט נישט אזוי, כדי מקיים צו זיין למען ידעו ולמען תדע, וואלטן מיר געזאגט אז די שווערסטע חלק פון פירן א מצה בעקריי איז "די קאסע", כדי צו פארשטיין בעסער וואס איך מיין צו זאגן איז כדאי צו ציטירן א ווערטל וואס דער באקאנטע ראש ישיבה און חכם וידען רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל פלעגט זאגן, אז דער פראבלעם מיט דער ישיבה איז אז פרייטאג'ס ווען מ'באצאלט געהאלט איז דא יעדע וואך און 50 מאל א יאר, אבער דער מלוה מלכה פאר דער ישיבה איז בלויז דא איינמאל א יאר, ס'וואלט ווען געדארפט זיין פארקערט מלוה מלכה'ס יעדע וואך, און פרייטאג'ס נאר איין מאל אין יאר.....,

דאס ווערטל איז טאקע א ווערטל אבער באגלייט מיט א שטארקע יסוד, ווייל א געהעריגע מצה בעקריי וואס איז אפן פון אנהייב ווינטער מיינט אז ער האט אויסגאבן 4 – 5 חדשים צו באצאלן ארבעטער'ס און מאטריאל, ווידער די קונים צו קויפן מצות זענען נאר דא בערך 4 צו פינף וואכן, פון בערך א וואך פאר פורים ביז אפאר טאג פאר פסח, וואס פון דעי פיר פינעף וואכן איינקונפט דארף ער זיך אויסהאלטן אגאנץ יאר, ער קויפט ווייץ אינמיטן זומער, צאלט געלט צו ברענגען די ווייץ, אוועק לייגן, עפענען די בעקריי, און לעבן אגאנץ ווינטער וכו' וכו', בקיצור א קאסע פון א בעקריי איז א מוציא ואינו מכניס, ער האלט אין איין צאלן, און בלויז פיר וואכן א יאר קומט אריין געלט, קומט אויס אז צו פירן א מצה בעקריי מוז מען זיין א געשולטע ביך האלטער צו קענען פירן חשבונות אגאנץ יאר פון בלויז א סעזאן פון עטליכע וואכן, האט איר אמאל געקלערט דערפון????, (זייטס ענק מודה) ניין....

[פארקירצט]

האט איינער געטראכט וויפיל הוצאות א מצה בעקריי האט?, פאפיר, ברוינע פאפיר אויף די טישן, ווייכע פאפיר צו ווישן די

הענט, די הארטע פאפיר צו פיצן שטעקעלעך, דאס איז אן ערנסטע אווערהעד, יעדע דריי מיטן ראל פעיפער צווישן יעדע אכצן מינוט, איז לכה"פ 10 – 20 דאללאר, ווענט זיך ווי גרויס די בעקעריי איז, אבער לאמיר נישט כאפן, לאמיר אנהייבן פון אנפאנג פונעם שניידן די ווייץ.

קצירת חטים איז אן אויסגאבע וואס באלאנגט אויסשליסלעך פאר דער בעקעריי, וואס איז כולל אין זיך די הוצאות פון דעם טלטול הדרך פאר די רבנים ומשגיחים, דער קאמביין זעלבסט, די קוואנטום ווייץ, די טרעקלעך אוועק צו פירן דאס ווייץ, און די נייע זויבערע זעק אוועק צו לייגן דאס ווייץ, ועוד. בעצם דאס שניידן גייט צו מיט אסאך קאפ ווייטאג ווי דער עולם איז מסתמא אינפארמירט, ס'דארף זיין ביי א געוויסע מאס הויכעקייט וויפיל די שטאנגען זענען געוואקסן און ביי א געוויסע גרויסקייט פון די ווייצלעך, דאס מיינט אז מ'קען נישט שניידן אגאנץ זומער, ס'איז נאר א קורצע צייט פון בלויז עטליכע וואכן אפשניט, און דער וועטער מוז צושפילן מיט אסאך מזל, עס איז א נארמאלע זאך מ'זאל ארויס גיין שניידן ווייץ עטליכע מאל און דורך פאלן וועגן דעם רעגן אדער וועגן דער מציאות פון די ווייץ זעלבסט, דאס אלעס קאסט צייט און טירחה און אוודאי געלט.

די ווייץ זענען געשניטן, (די הויט אויך, ווייל זייענדיג אונטער דער זון האט מען פארשטייט זיך געכאפט א ברי אויפן פנים) מ'לייגט דאס אוועק אין א ספעציעלן סטארעדזש ווי דער קלימאט אינעם געסילטן סטארעדזש מוז זיין קאנטראלירט און געמאסטן נישט צו קאלט און נישט צו הייס, ס'זאל נישט שוויצן, ס'זאל אויך נישט צוקומען קיין אינסעקטן, די ווייץ ווערן נישט געמאלן אויף אמאל, נאר צוביסלעך ווייל מעל האלט זיך נישט אזוי פריש ווי ווייץ, ממילא האלט מען אין איין מאלן און זופן אגאנצע צייט, דאס מיינט א באזונדערע מענטש פארן מאלן און זופן אגאנץ ווינטער, אויך צייט און געלט.

די ארבעט זעלבסט אין מצה בעקעריי איז א פיזיש שווערע ארבעט מער ווי ביי סיי וועלכע ארבעט, ווייל פאקטיש שטייען די ארבעטער'ס אויף די פיס אגאנצן טאג, (אין דער צייט וואס דו פילסט ר"ה ביי שטילע שמו"ע אינמיטן מוסף סוף זכרונות אז די פיס קומען שוין אראפ...), שטייט דער ארבעטער אויף די פיס, לא די ער שטייט, ער ארבעט אויך, צי ער קנעט, צי ער וואלגערט, צי ער רעדלט, צי ער לויפט מיט דער מצה און אויוון מיט זיין געשריי, אפגערעדט א שיבער וואס זעט סתם אזוי דעם גיהנום פאר די אויגן רוב טאג, דאס איז אלעס שווערע ארבעט וואס ווערט באצאלט מיט ווייניג געהאלט.

יעדע נאכט דארף איינער אינזינען האבן צו שעפן וואסער פאר מארגן, אויב דער בעקעריי האט נישט קיין לאקאלע קוואל מוז מען ברענגען וואסער יעדע נאכט פון א קוואל, און דער ברענגער דארף זיין מהודר און זיין טרעקל דארף זיין פסח'דיג, אויך אן ארבעט.

די מעל און די וואסער געבער דארף'ן קענען זייער פעלד, וויסן וויפיל וואסער מ'גיסט צו וועלכע מעיל, יעדע מעל האט אן אנדערע מאס וויפיל וואסער מ'לייגט אריין צו איר פונקטליכקייט,

דער קענטער, שטייט אויך אויף די פיס און ניצט אסאך כח, אנפאנג ווען מ'גיסט אריין די מעל אין וואסער מישט ער טאקע נאר זיינע פינגער'ס הין און צוריק ווי איך קיצל א בעבי, אבער נאך א האלבע מינוט לייגט ער ארויף זיין גאנצע כח מיט היפש פרעשור, ס'קומט אויס אז א קענטער קען מאכן א גוטע 7 – 8 מיירעס אין אן אכצן מינוט, מיט אסאך כוח און פיזישע פרעשור, און דאס ברענט אויס אסאך ענערגיע,

דער גרויסע טייג ווערט געגעבן צום ערשטן מענטש ביים טישל, און ער ארבעט עס אויס וויטער און טיילט טייגלעך, (לעצטנס האב איך געזען אין פסקי תשובות ווי ער איז מרעיש עולמות אז מ'זאל נישט מאכן א רינדעכיגע טייג ווי א גרויסן פיקל אדער ווי א שטעקל און אזוי וואלגערן מיט די הענט ווי מ'מאכט שטעקעלעך צו פלעכטן א חלה, און הערש דערנאך צושניידן אויף טייגלעך ווייל דאס מאכט אז דער טייג זאל ווערן ווארעם פון די הענט און דאן איז עס מחמיץ אפי' א רגע אויב ס'גייט לײדיג, נאר מ'זאל ענדערשט לאזן דעם טייג מיט קליינע עסקים האקן מיט א כלי אדער לאזן גרויס און רונדעכיג וואס דאן ווערט נישט דער טייג אזוי אנגעווארעמט פון די הענט אזוי ווי ווען מ'מאכט דערפון אזא שטעקן, מ'קען מאריך זיין אינעם חלק ההלכה אבער דערווילעם איז דאך נישטא צו לערנען הלכות...)

די טייגלעך ווערן צוטיילט פאר די וועלגער'ס און מ'הייבט אן צו פארמירן מצות, אין די א"י'דיגע בעקערייען איז איינגעפירט א סיסטעם אז דער טישל ווי די וועלגער'ערס ארבעטן איז ווי א בעלט, ווי א מאשין, דהיינו דער ערשטע הייבט אן ער הייסט א מתחיל, דער צווייטער נעמט איבער פונעם מתחיל און מאכט עס פאר א שטיקל צורה פון א מצה, און דערנאך נעמט עס איבער דער נעקסטער און מאכט דאס וויטער ביז צום גומר, ווי דער גומר גיבט דאס איבער פארן רעדלער און פון דארט צום אויוון אריין, עס זענען באמת דא אסאך מעלות אין דעי סיסטעם,

ראשית ס'איז שנעלער, ווייל די מצות פארן שנעל, פון איינס צום צווייטן,

שנית דער גומר איז א מומחה ער ענדיגט די מצה – טייג זאל זיין גוט, דאס מיינט אז די מצה זאל זיין איינציג איבעראל, ווייל דער פראבלעם פון מצות אין אויוון ווערט געשאפן ווען א מצה איז נישט איינציג ער איז פון איין זייט דיק און איין עק דין, וואס דאן ווערט דער חלק וואס איז דין פארברענט צו אש אין דער צייט וואס דער חלק וואס איז דיק איז נאכנישט אדורך געבאקן, וואס צו

דעם דארף מען נאר האבן אפאר מומחים וואס אייניגן אויס די מצה גלייך איבעראל פארן רעדלען און פארטיג, און נישט יעדער ביים טישל מוז זיין אזא מומחה,

[פארקירצט]

און יעצט קומט עס, איינס... צוויי... דריי... (אלע צוזאמען) ""א מצה אין אויוון אריין לשם מצות מצה""

איר מיינט אז דער לויפער איז סתם אן ארבעטס לאזע איד וואס האט בלויז געטראפן א צייטווייליגע דשאב אין מצה בעקעריי?, ניין, ער האט אויך א פאך, אין אסאך בעקערייען איז דער שרייער – לויפער אליינס א האלבע שיבער, דהיינו אז ער לייגט אליינס אריין די מצות אין אויוון אריין, ער איז א נאה דורש ונאה מקיים...., סיי ער שרייט א מצה אין אויוון און סיי ער איז מקיים פסק און ער לייגט טאקע אליין אריין די מצה אין אויוון, דאס איז א מעלה כלפי דער שיבער אז דער שיבער מוז נישט זיין פארנומען מיטן אריין לייגן, ער קען אייביג האלטן דעם שאוול אין די הענט, ווייל אז נישט מוז ער אראפ לייגן דעם שאוול און איבער נעמען די מצות אין אויוון אריין, און דעי האלבע מינוט וואס ער בייגט זיך אויפצוהייבן צוריק דעם שאוול קענען ווערן צוגעברענט אפאר מצות, ווידער אסאך שיבער'ס ווערן נערוועז צו האבן שותף וואס באלעבאטעוועט מיט זיי אין אויוון, זיי מוזן האבן אליין גענצליך קאנטראל,

ווידער אויב דער לויפער איז טאקע נאר א לויפער, מוז ער זיין געשיקט אז ווען דער שיבער ווינקט אדער זאגט קום, מוז ער קומען אין דער סעקונדע ווייל יעדע סעקונדע ציילט און אז ער צעגערט א רגע ברענען שוין צו די אנדערע מצות,

[פארקירצט]

ועל כולם איז דער משגיח און די מענעדשמענט פון דער גאנצער בעקעריי א היפשע שווערע ארבעט, ער שטייט אויך אויף די פיס, וואשט זיך אויך די הענט יעדע 18 מינוט, (מיט קאלטע וואסער אפי' אינמיטן ווינטער) און לויפט ארום האלטן אן אויג אז אלעס זאל קלאפן, קומט נאך צו די פרעשור פון די דרויסנדיגע מענטשן, די שיינע אידן באגלייט מיטן כולל יונגעלייט וואס קומען באקן און לייגן פרעשור צומאל מיט זינלאזע אייגן געמאכטע אזויגערופענע חומרות, אדער אפי' ס'האט יא א האפט זייערע חומרות מאכן זיי דאס מיט א מורא'דיגע דריק און לחץ, און דער משגיח דארף דאס דילדן און זיך ספראוועגען דערמיט,

[פארקירצט]

סך הכל קאסטן מצות טייער!, ווי די וועלט טענה'ט אז די אפעטייטש פון לחם עוני מיינט "לחם" א ברויט וואס מאכט א מענטש "עוני", און זייער אסאך מענטשן קרעכצן טאקע אויף די טייערע מצות, לאמיר טאקע פארשטיין אפשר קען מען אן עצה געבן.

[פארקירצט]

אבער העיקר מאכט מען נישט דעם חשבון וויפיל צאל מענטשן ארבעטן און באקומען געצאלט פאר זייער ארבעט איבער דיין מצה,

דער פעלד פון די ווייץ
משגיחים ביים שניידן
טראק צו ברענגען ווייץ
סטארעדשן ווייץ
מאלן
זיפן
גיסן – וואסער / מעל
קענטן
אויסארבעטן – וועלגערן
מתחילים – גומרים
רעדלער
לויפער
שיבער
פאקער
ועוד
(שאץ מאץ פארן שרייבן דעם ארטיקל....)

די אלע מענטשן באקומען געצאלט פאר דער ארבעט וואס זיי ארבעטן אויף דיין מצה, די בעקעריי בעט נישט ביי זיי קיין הנחה, צי איז דאס אזוי גלאט און פשוט אז 30 – 40 מענטשן ארבעטן פאר דיר און פאר דיינע מצות און דו ריקסט אזוי אראפ די פרייז נישט מיר נישט דיר?, ס'איז דאך אלעס עבודת יד, איר ווייסט וויפיל מ'צאלט אין דער גאנצער וועלט פאר א זאך וואס איז הענד מעיד?!

[פארקירצט]

ולסיומא דמילתא זאגט מיר א מענידשער אין מצה בעקעריי ווען איך האב אים באצאלט פאר די מצות מיט א טשעק, וואס אויף דער טשעק איז געשטאנען אונטן אינעם מעמאו "שמחת פורים", אז זיין באבע פלעגט זאגן "המן באצאלט פאר פרעה", דהיינו אז די הכנסה פון פורים דעקט די הוצאה פון פסח, נו, אויב אזוי זאל זיך טאקע דער המן מיט פרעה ארום רייסן ביי די קעפ און זיך אנפראסקענען איינעם דעם צווייטן און אונז לאזן במנוחה ושלוה....,

ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים

**וויסנשאפט**

# א כשר'ע שטיקל חזיר פלייש

פלייש וואס וואקסט אין א לאבאראטאריע פון א פאר צעלן, אן שחיטה און אן א בהמה: א בליק אויף א וויסנשאפטליכער פארשריט, און די שאלות וואס ער ברענגט מיט זיך.

פון **פארוואס?**

קאווע שטיבל • געזעלשאפט • „א כשר'ע שטיקל חזיר פלייש" • 30סטן מאי 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8985.html

יצחק גייט אהיים רואיגערהייט פרייטאג צו נאכטס נאכן פארברענגען מיט זיינע פריינט, ער באקומט א טעקסט-מעסעדזש פון זיין ווייב: "איך האב מיר שוין געלייגט שלאפן, ביטע מאך צו די לייט אין דיינונג רום ווען דו קומסט אהיים, און אויב עס באדערט דיר נישט צו אוועק פאקן די איבערגעבליבענע בעיקאן פון דער סעודה".

וואס גייט דא פאר? רעדן מיר דא פון אן ארטאדאקסישער איד? טעקסט זיך אין שבת, לעשט אויס לייטס, און עסט בעיקאן פאר דער שבת'דיגער סעודה.

דער ענטפער איז: יא. מ'רעדט דא פון איינער וואס פארלעצט נישט קיין איין הלכה אינעם שולחן-ערוך, און קען ווערן אנגערופן מיטן פולן רעכט אלס אן ארטאדאקסישער ייד.

איז אזוי, פאר דער טעקסטערייי נוצט ער אונזער באקאנטע שבת-עפפ, אזוי אז עס איז נישט פארהאן קיין שום חשש חילול שבת. ווידער,פאר די לייט נוצט ער די קאשער-סוויטש, אזוי אז ער איז נישט עובר אויף קיין שום איסור על פי דת תורתינו.

אבער וואס טוט זיך מיט די בעיקאן? הייתכן?! אן ארטאדאקסישער ייד עסט חזיר פלייש בריש גלי?

נו, לאמיר אייך באקאנט מאכן מיט א סייענטיפישע פארשריט, וואס כאטש עס איז נאכנישט אין פולן אמט היינטיגע צייטן, אבער עס וועט בקרוב זיין אן אמת'ער מציאות.

לאמיר זיך באקאנט מאכן מיט א ביאלאגישע מושג וואס הייסט cloning, אדער אין עברית הייסט עס "שיבוט", דאס איז א וועג וואס א בעל-חי (אקטועלי, יעדע זאך וואס לעבט) קען געבוירן א צווייטע בעל חי אן דעם וואס ער זאל נוצן א פרעמדע בעל חי, (אנדערש ווי די געוועגליכע נאטורליכע וועג וואס בעלי חיים אין אלגעמיין פרעדוצירן זיך).

דא רעדן מיר פון א געוויסע טעכנאלאגיע וואס מ'קען אין א לעברעטאר', נעמען צעלן פון א בעל חי, און פראדעצירן פון דעם נאך און נאך צעלן. אין טעאריע, איז גענוג איינצעלנע צעלן פון א קוה (מ'דארף איר ניטאמאל שחט'ן, און מ'קען דערפון סופלייען טאנען פון פלייש פאר אייביג און מ'וועט מער קיינמאל נישט דארפן נוצן נאך בעלי חיים (בדרך אגב, א גוטע בשורה פאר די וועדזשעטעריאנס).

פאר צוויי יאר צוריק, האבן שוין סייענטיסן פארגעשטעלט פאר עסן-אינספעקטארס, און זיי האבן געטעיסט פון דעם פלייש, זייער רעאקציע איז געווען, אז עס פילט כמעט פונקט ווי ארגינעלע פלייש.

ווי ערוואַרטעט איז שוין די הלכה'דיגע נושא ארויף על שולחן מלכים, מאן מלכי רבנן. מ'האט שוין דן געווען דערויף כדת של תורה, זה בונה וזה סותר.

הרב צבי רייזמאן שליט"א פון לאס-אנדזשעלעס (מחבר ספרי רץ כצבי, ועוד), האט מאריך געווען אין דעם נושא, אין סורפרייזינגלי קומט ער ארויס מיט א היתר, וויבאלד עס איז בטל בששים (אדער באלף), און נאך כמה וכמה צירופים. ער שרייבט דארטן אויך אז מ'מעג עס אזעלכע פלייש מיט מילך.

זעלבסט פארשטענדליך, אז די אוסרים בלייבן נישט שולדיג, און זענען מנמק זייערע טעמים לאסור בטוב טעם ודעת.

ווארט-זאגער און עקספערטן וועלן זאגן, אז עס וועט מקויים ווערן פולקאם די באקאנטע מדרש, (יעצט גיי פרעג מיר ווי עס שטייט? איך ווייס נישט, אזויפיל ווייס איך אז דער אור החיים ברענגט עס אין פרשת שמיני). למה נקרא שמו חזיר? לעתיד לבוא הקב"ה מחזירו להיתר.

תלמידי חכמים ווייסן צו צייכענען די גמרא (חולין דף ק"ט ע"ב), כל דאסר לן רחמנא שרא לן כוותיה, אסר לן דמא - שרא לן כבדא ... חזיר - מוחא דשיבוטא. (ווי אויבן געשריבן, אין עברית ווערט אט די טעכנאלאגיע אנגערופן "שיבוט").

ערליכע אידן בכל מקומות מושבותיהם קוקן ארויס מיט שפאנונג, אז די מאמר חז"ל זאל שוין טאקע מקויים ווערן, און באטראכטן עס אלס איינע פון די סימנים פון די גאולה הקרובה לבוא, בב"א.

**היסטאריע**

# טענקסגיווינג: קען מען יוצא זיין מיט מודים?

די וואך איז טענקסגיווינג. „קאך_לעפל“ דערציילט די געשיכטע פון די פילגרים און זייער ערשטער סעודה, און דער עולם אויף קאווע שטיבל לייגט צו.

פון **קאך_לעפל און אנדערע**

קאווע שטיבל • געזעלשאפט • „טענקסגיווינג: קען מען יוצא זיין מיט מודים?“ • 27סטן נאוועמבער 2019
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13481.html

**קאך_לעפל** • 27סטן נאוועמבער 2019

פאר א קנאפע דריי טויזענט יאר צוריק – האבן די הייליגע חז"ל אראפגעשטעלט די שמונה עשרה. אכצן ברכות וואס אידן זאלן זאגן טעגליך. דער זעכצנטע ברכה הייבט זיך אן מיט די ווערטער מודים אנחנו לך... אין דער דאזיגער ברכה פון מודים לויבן און דאנקען מיר דעם הייליגן באשעפער פאר אלע גוטס וואס ער האט געטאן מיט אונז, און טיט מיט אונז שטענדיג אויף טריט און שריט...
פאר מאנכע איז דאס ווארשיינליך נישט גענוג. לעצטענס האט זיך פארמירט א פרישע באוועגונג וואס רופט זיך טענק יו השם. די אנגעשלאסענע אין דער באוועגונג זענען איבערגעצייגט אז ווען מען זאגט מודים אנחנו לך אויף ענגליש – טענק יו השם, זעט מען באשיינפערליך הימלישע ישועות, א שטייגער ווי ווען מען עסט א שטיק געפילטע פיש לע"נ רבי ישעהו בן רבי משה...

דער געדאנק איז אייגענטליך נישט קיין נייער געדאנק.

אינעם זעכצנטער יאר הונדערט האט דער ענגלישער קעניג זשעימס דער ערשטער נישט ערלויבט פאר זיינע אונטערטאנען צו פראווען לויט זייער ווילן. אלע ענגלישע בירגער זענען געווען געצווינגען צו פראווען צו זייער ג-ט געבוי אויף דעם זעלבן נוסח ווי דער קעניג זשעימס. פאר מאנכע ענגלענדער האט דאס זייער נישט געשמעקט – זיי האבן געוואלט פראווען אויף זייער אייגענעם נוסח. דער קעניג האט זיי דערפאר אונטערדרוקט אויף אזא ברוטאלישער פארנעם, אזש זיי זענען געווען געצווינגען צו פליכטן פון ענגלאנד קיין האללאנד.
דארט אין האללאנד זענען זיי טאקע געווען פריי צו פראווען צו זייער ג-ט לויט זייער באגער. אבער זייער מאטעריאליסטישער צושטאנד איז געווען זייער א שווערע. די פילגראמירער ווי זיי האבן זיך גערופן, האבן באשלאסן איבערצולאזן דעם אייראפעישער קאנטינענט אויף אייביג, און זיי האבן אריבערגעשפרייזט דעם ברוזענדעם אנטלאנטיק און זיך באזעצט אינעם ג-ט-געבענטשטער-לאנד פון קלומבוס, מערסטייל פון זיי האבן זיך באזעצט אין די ניו ענגלאנד קאלינ־עס.

ערשט האבן די פילגראמירער גאר שטארק אונטערגעהונגערט, ביז די אינדיאנע שבטים זענען געקומען צו זייער באלדיגער הילף. די אינדיאנער האבן זיי אויסגעלערענט ווי אזוי צו פלאנצן וויין, גערשן, קארן, און קאבאק, אויפן אמעריקאנער באדן. דער ערשטער שניט האט טאקע גאר שטארק געראטן, און די פילגראמירער זענען געווען אויסער זיך פאר פרייד. אזש זיי האבן איינגעלאנדעט די אינדיאנער צו א גרויסע מאלצייט וואו עס איז סערווירט געווארן צווישן די אנדערע, נארמהאפטיגע געבראטענע אינדיקעס אונטערגעשלאגן מיט צודרוקטע קארטאפל. און איידער די מאלצייט האט יעדער געמוזט אויסדרוקן א דאנק צום באשעפער פאר די גוטס וואס ער האט מיט זיי געטאן.
זיי האבן ווארשיינליך אויך געגלייבט אז מען דאנקט דעם באשעפער אויף גוטס וואס ער טיט, שיקט ער ווייטער די שפע מיט א ברייטקייט. דאס איז פילייכט געווען דער ערשטער טענקסגיווינג מאלצייט דא אויפן אמעריקאנער באדן.

געווי ווי מיר אידן עסן פסח מצה, צוליב דעם וואס אונזערע עלטערן האבן עס געגעסן אלס שקאלפן אין עגיפען, אזוי אויך עסן די אמעריקאנער איינמאל א יאר געבראטענע אינדיקעס וואס זייערע עלטערן האבן געגעסן ביי יענעם נאסטאלאגישער מאלצייט אין ניו ענגלאנד, און איידער די מאלצייט זאגט יעדער באנאזאם טענק יו השם...

די פראגע איז בלויז צו מארגן ביים גרויסארטיגן אינדיק-מאלצייט דארף מען זאגן אויף גויאיש טענק יו השם? צו מ'קען אויך יוצא זיין מיט מודים פון דער שמו"ע?

**רביה"ק זי"ע** • 27סטן נאוועמבער 2019

איך האב געהאט אן ענליכן שאלה פסח ביינאכט, צו מ'קען יוצא זיין סיפור יציאת מצרים מיט ברכות קריאת שמע. נאכמער, לויט'ן רמב"ם וואס ס'דא יעדן טאג א מצוה פון זכירת יציאת מצרים, וואס איז אנדערש פסח ביינאכט פון אגאנץ יאר? כ'האב געפרעגט א חשוב'ע רב, ער האט פרובירט דרייען אהין און אהער, סוף דבר איז געבליבן אז די עיקר מצוה פון סיפור יציאת מצרים קען מען לכאורה יוצא זיין, מה שנוגע דעם רמב"ם איז טאקע שווער...

בכלל דארף מען וואוסן אז די גאנצע מעשה ארום די Thanksgiving איז אויסגעזויגן פון פינגער, די אמעריקאנער מיט די Puritans המכונים Pilgrims האבן זיך גע'הרג'ט איינער מיט'ן אנדערן, און Thanksgiving איז מתחילה געווען אוועקגעשטעלט אלץ א פאסט-טאג, ווער ס'גלייבט נאך די אלע שטותים קען מיט איין גוגל-זוך געוואר ווערן דעם אמת, האטס מיר א פריילעכן יום טוב.

**ונבנתה העיר** • 28סטן נאוועמבער 2019

צווישן דער סיפורים וואס כ'פארצייל ביי דער סעודה, איז א געוואלדיגע מעשה פון השגחה פרטית.

איינער פון די 102 מיטרייזער אויף דעם פילגרים שיף 'מעיפלאוער', איז געווען א משרת מיט'ן נאמען דזשאן האולענד. אינמיטן א שטורעם אויפן אפענעם אטלאנטיק, איז ער אריינגעפאלן אין וואסער, זיך אנגעהויבן דערטרונקען וכמעט שלא פרחה נשמתו. אין אן אויסערארענטליכן צופאל, האט ער באוויזן צו כאפן א שטריק וואס האט זיך נאכגעשלעפט דעם שיף, און איז צוריק ארויפגעברענגט געווארן ממצולות ים.

וואס וואלט געווען ווען ער דערטרונקט זיך יא? וואס קען שוין זיין? נאך אן אומבאקאנטער נאמען פון פיר הונדערט יאר צוריק, פארלוירן צו היסטאריע. פאקטיש איז 'האלב' פונעם גאנצן עולם אויסגעשטארבן אין דעם ערשטן ווינטער על אדמת אמעריקא. ווי מורי ורבי ר' וויליאם הנ"ל שרייבט: But it pleased God to visit us then with death daily.

איז ער אבער יא געראטעוועט געווארן. מה עשה הקב"ה? גאנצע 'צוויי מיליאן' אמעריקאנער היינט צוטאג זענען זיינע אייניקלעך, צווישן זיי דריי פרעזידענטן (טעדי רוזאוועלט, און די צוויי בושס.)

זי"ע.

**ונבנתה העיר** • 29סטן אקטאבער 2020

ס'מיר נתעורר געווארן א ספק אין פשט. ווער איז למעשה דער visitor, גאט אדער טויט?

**איבערלעבונגען**

# דאס רעפטעלע ברויט

א פרוי וואס האט איבערגעלעבט די מלחמה האט פארשריבן אירע זכרונות. אין איין ליד שרייבט זי צו א חברטע, וועמען זי האט צוגענומען כמעט דעם לעצטן ביסן.

פון **משה געציל**

קאווע שטיבל • היסטאריע • „מלחמה זכרונות - דאס רעפטעלע ברויט" • 29סטן יולי 2012
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1267.html

---

דאס פאלגענדע איז זכרונות פון א פרוי וואס האט פארשריבן אירע זכרונות פאר זיך. איך האב אמאל געפונען א קאפי פון איין עקסעמפאל, פון צווישן איר אלע זכרונות האט מיר דאס מוראדי'ג באנומען, ווי זי ווײנט זיך אויס איבער א רעפטעל ברויט וואס זי האט צוגעגנב'ט פון א חברט'ע צו קענען בלייבן ביים לעבן, און ווי אירע געוויסן פייניגן איר נאך ביז היינט.

זאג מיר מיין חברט'ע, וואו ביסט דו וואו קען איך דיך געפינען?
דו ליגסט מיר גוט אין זינען
איך מיז מיט דיר מתודה זיין דערציילן
אפשר וועט מיין שמערץ פארהיילן
איך מיז דיך טרעפן איך וויל זאלסט וויסן
איך האב דיר צי-גענומען כמעט דעם לעצטן ביסן

געדענקסט די שטאקדיגע בעטלעך אין אונזערע קאליבעס?
אן פייער אן הריבעס, (א אויוון וואס ברענט מיט האלץ)
פייגל זענען פין די דעכער געפאלן אין טיפן שניי
ברידער פארפרוירענע האבן געשריגן אוי-וויי
ראטעוועט פין קעלט און הינגער!
און דו מיין חברט'ע האסט 2 רעפטלעך ברויט געהאט
ווי אזוי האסט דו דיך געקענט אויפהאלטן
זיי צו באהאלטן???
אין שטילע פלעיגן מיר אלע זאגן: פוי פוי בלי עין הרע
ווי אזוי קען זי בעצווינגען דעם יצר הרע
ווארטן דעם טויט
מיט צוויי רעפטלעך ברויט?

איינמאל ווען דו ביסט איינגעשלאפן אויף דיין בעטעלע
האב איך פון אינטער דיין קאפ ארויס געצויגן דאס זעקעלע
קודם האב איך געמיינט אז איך וועל מיך מיט דער גניבה דערשטיקן

ווי אזוי האב איך געקענט קייען זיך קוויקן?
ווי אזוי ווי אזוי ווי אזוי?

דו נעבעך ביסט אויפגעשטאנען, און נאר איין רעפטעלע ברויט געפינען
דיינע טרערן זענען געריגען
דיך געשטיקט און געוויינט...

זאג מיר, האסטו געוויסט דאס איך בין דאס געווען?
אבער האסט דיך געמאכט סתם נישט זען?
ווי אזוי האסטו מיך נישט דערמארדעט אויף דעם ארט,
אין דעם קאליבע דארט?
פון וואו האסטו אזויפיל איידלקייט בעזעסן
אז האסט מיך נישט לעבעדיגערהייט צעפרעסן
פאר מיינע חטאים???

אך! קום זאג מיר, וואו ביסט דו זאל איך וויסן
דיך האלזן און קיסן
דיר מיין גאנצע לעבן
איבערגעבן
דיין רעפטעלע ברויט האט מיר געגעבן כח
צו זיין דא, נישט אין רויעך

וואגאנען ברויט העט איך דיר געשיקט דו זאלסט מיר מוחל זיין די עבירה
זאג מיר אויב האב איך א ברירה
וועל איך דאס טון!!!

שרייב מיר זאג מיר, לאז מיך וויסן
דען מיין הארץ ווערט פאר שמערץ צעריסן
איך בין דיר שילדיג מיין לעבן
קים פאניק נישט מיין נשמה
קים און נעם אין מיר נקמה
קים קים קים!!!

**א שמועס פון דער וואך**

# פעטיציע קעגן דעם סדר פון שבת'דיגע מאכלים

דעצעמבער 2013: „טיטאניק“ האט שוין נישט קיין כח צו די מוצאי־שבתדיגע יסורים, און ער שלאגט פאר א נייעם סדר. דער עולם האט געהאט וואס צו זאגן.

פון **טיטאניק, שמעקעדיג, zurich** און אנדערע

קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • „פעטיציע קעגען די סדר פון שבת'דיגע מאכלים“ • 16טן דעצעמבער 2013 – 22סטן דעצעמבער 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5441.html

**טיטאניק** • 16טן דעצעמבער 2013

מען זאגט נאך פון דעם קרעטשניפער רבי'ן ע"ה אז יעדע באנדעל פון דעם טשאלענט האט א מלאך, און מוצאי שבת קוידעש טוען אלע מלאכים זינגען שירה,
מיין הוספה איז "די מלאכים גייען אויך ארויס אין א קאדאשטקע טאנץ ביי דער שירה"

יעדע וואך פון פריש, צו עסט מען ביים שוויגער, צו עסט מען אין שטוב, צו עסט מען אין האטעל, צו עסט מען ביי א שבע ברכות, נישט קיין חילוק, איבעראל זענען די מוצאי שבתדיגע יסורים די זעלבע
איך האב שוין פראבירט אלע סארטן רעצעפטן פון שטולענט, בונדלעך מיט קארטאפל, קארטאפעל אליין, בונדלעך אליין, בהמה פלייש, טשיקען פלייש, וויניג ספייסעס, און להיפך, אבער די רעזאלטס זענען די זעלבע ווייעדיג און שמעקעדיג
א שרעק

איך בין קיין דאקטער נישט אבער "קישקא'סי" זאגט מיר אז עס שטאמט פון דעם פארריקטן סדר, מען לייגט זיך שלאפן פרייטאג צו נאכטס מיט א פולע טראק מיט עסן,
שבת צופרי פאסט מען ביז 12 דערנאך ריקט מען אריין הייסע קוגעל הערינג, און פארגעסט נישט! מען מאכט קידוש ווי א ראפשיצער חסיד אויף גטע שנאפס, און פון דארט קומט מען אהיים, און מעןווארפט אריין אגאנצע טראק מיט עסן,
און דערנאך זאלן זיי זיך נישט לאזן הערן און שמעקן??

איך וויל הערן וואס איר זאגט, אולי זאל מען מאכן א טויש, מען עסט פארן דאווענען לעבן מיט באנאנע,
נאכן דאווענען עסט מען טשיז קעיק מיט א גלעזל מילעך
די סעודה זאל זיין העכסנס א נארמיילע שטיקל סטעיק מיט לאקשן און שוין
ווער דארף די אלע דיפס? גאלע? לעבער (געמאלענע און שטיקלעך) אייער צוויבל, צוויבל קוגל, אויש טאטע זיסער איך ווער נאוישעס
העלפט מיר ארויס!!!!!!!!!!!!!!

**שמעקעדיג** • 16טן דעצעמבער 2013

נעווער אין לייף גיב איך אויף מיינע דעלישעס שבתדיגע מאכלים! א גאנצע וואך ווארט איך דערויף!

יעדער זאל עסן לויט זיין מאגן. קענסט עסן וויניגער. אבער אויפגעבן קאטשעניו און סעלמאן פיש? דעם געשמאקן טשולענט און אווערנייט קוגל? דאס איינציגסטע ביסל מעין עולם הבא אין דעם מאוימ'דיגן וועלט? העק נאו!!!!

**טיטאניק** • 16טן דעצעמבער 2013

נע, אלטע טריקס, די מאכלי שבת זענען אזוי הייליג און גרויס אז די מלאכים שרעקן זיך נישט פון 10 פעסער קאווע איינמאל זיי זענען דאהי, איז עס א שווערע פרשה

**קאשמארן** • 16טן דעצעמבער 2013

דו האסט געשריבן "ווער דארף די אלע דיפס? גאלע? לעבער (געמאלענע און שטיקלעך) אייער צוויבל, צוויבל קוגל, אויש טאטע זיסער איך ווער נאוישעס". אז דו טראסט אריין איין רגע, צוויי דורות צוריק האט טאקע נישט געזען רוב פון די מאכלים אויף זייער שבת טיש!

**טיטאניק** • 16טן דעצעמבער 2013

מיר,די יעצטיגע דור דעה איז א געמישעכטץ א פרידה אדער א שעטנז פון גאליציע פוליש אונגארן ראמעניע דייטשלאנד און ארץ ישראל און נאך
אין פולין איז קיין פלייש נישט געווען צוליב זייער עניות אדער קמצנות און זיי האבן אויסגעטראפן די גאלערעטע און דאס איז געווען דאס פלייש פאר שבת
דער גאליציאנער טשולענט איז געווען קאשע, (דאכט זעך פארעווע אפילו)
ווידער אין אונגארן איז געווען טשולענט פון פעטעיטא און טשיקן
אבער מיר מאכן א מיש מאש, יוצאים כל השיטות און כל הדיעות, סיי די גאליצינע און אונגרישע, און די נייע און אלטע משוגעתן
און מוצאי שבת קומען אלע מלאכים צוזאמען טאנצן, און זיי קומען זיך גוט אויס, די גאליציענא מלאכים און די אונגארישע
א חורבן

**טיטאניק** • 16טן דעצעמבער 2013

שוין לאנג געהאלטן אז די ליטוואקעס ווייסן נישט וואס מיינט א שבת קוידעש!
די מחזה הוד ווי א איד האט פארשמירטע פינגערס פון טינקען די כאלע אין א טעלערל פיצעי
אדער ווי א יונגערמאן עסט נאכן דאווענען ביי סעודת חינקא א טעלערל הערינג און די מאיונעיז פון דעם הערינג הענג עם אראפ ביי די וואנצצעס
און אז ענק קענען נישט דאס, דאן רעדט נישט אריין ביי אונזערע מלאכים אויך!!!

**טעפל** • 17טן דעצעמבער 2013

קאשמארן איז גערעכט, דער פראבלעם איז נישט אין די מאכלים נאר אין דיר, עס חלה, פיש, יועך, פלייש, פערפל, קוגל מיט א שטיקל פיקעל, אאינדערפרי, פיש, אייער, טשולנט מיט א שיטקל פיקל, און הכל על מקומו יבוא בשלום (כמעט).

**berlbalaguleh** • 17טן דעצעמבער 2013

טיטאניק: איבער דיין טענה אז דער סדר המאכלים וואס אונז האלט מיר איין טויג נישט. זאלסטו וויסן אז די יעקישע יוודן האבן טאקע אן אנדערן (בעסערן??) סדר. זיי דאווענען שחרית/מוסף פריה. אזוי ווי א גאנצע וואך. מ'גייט אהיים מ'מאכט קידוש. מ'עסט טשיז קעיק און קאפי. א טייל ליינען דעם ניו יארק טיימס אויף דער פרשת השבוע. אנדערע פארהערן די קינדער. 12 אוהר, פונקטליש מאכט מען נאכאמאל קידוש. מ'וואשט זיך. מ'עסט בארכעס אונד פיש. וכו' וכו'.

**גאנצל** • 17טן דעצעמבער 2013

אוי טשיז קעיק און נאכדעם טשולענט אוי שעלט נישט די מלאכים וועלן דאך נישט אויפהערן צו טאנצן ס'וועט נאר נעמען לענגער זייער טענץ

**טיטאניק** • 17טן דעצעמבער 2013

אין אישי האבן מיר געהאט די זכי' צו דארעך שמיסן מיט גאר קליגע אידעלעך וועגן א ריכטיגע סדר פון שבת מאכלים
1) נישט זיין "צי" הונגעריג פאר דער סעודה פרייטיג צונאכטס
2) נישט זיין "צי" זאט,
3) עסן מיט א חשבון, אז יעדע שטיקעל עסן וואס גייט אריין, גייט אויך דארפן.... און אז עס איז שווער "אריין" איז עס כפל שווער ביי דעם וועג .... אין דעם גייט אריין די כלל אז שארפע זאכן גייען זיין א שווערע סוגיא
4) עסן שטאאט! נישט יאגן די סעודה (אויב שלאפט מען ערב שבת אפילו 10 מינוט איז עס א גוטע זאך, און אויב ביסטי צו מיעד און דו האסט נישט קיין צייט צו שלאפן ערש"ק, איז א גיטע עצה צו גיין שלאפן פאר 20 מינוט בערך נאכן אהיים קומען פון קבלת שבת, און פירן די סעודה מיט א רוהיגקייט און אויסגערוטקייט, סתם א גוטע עצה פאר שלום בית און חינוך הילדים) אויב איז מען אויסגערוט דעמאלס עסט מען רוהיגער, געדענק "כבולעו כך פלטו", רוהיג אריין איז רוהיג....
5) ווערסט שנעל זאט? נישט קיין שום מצוה זיך צי "אנעסן" ווי א פרעסער, ווייסטי אז אויב קימסטי צו דעם פלייש קענסטי נישט עסן מער, עס וויניגער פלייש, אפילו א הארעלע פלייש, אדער שפאר דאס עסן ביים אנהייב סעודה
6) שבת צופרי, עס פארן דאווענען א לעבן אדער א טשיז קעיק, אבער נישט קיין סאך!
7) זע צו דאווענען אביסל פרי... און נישט ענדיגן צו שפעט
8) נישט עסן קיין "קידוש" כש"כ די ווינטער שבתים, די

קידישים זענען קיללערס" און אויב האט מען טועם געווען פארן דאווענען איז מען בדר"כ אין א מצב פון קענען ביישטיין די נסיון פון קידוש

9) נישט עסן אסאך דיפס מיט קנאבל

10) נישט עסן מער ווי איין לעפל אייער מיט צוויבל, צוויבל מיט שמן איז עסיד פעמיים באהבה, וועלכע מאכט אלעס איין שטיק כאאס

11) נישט גיין חלילה שלאפן נאך דער סעודה, דאס איז א קיללער! גיי שפאצירן פאר עטליסט 20 מינוט און נאכדעם אויב איז נאך דא צייט קענסטי כאפן א דרים-קודש

12) נישט קיין מצוה צו עסן אסאך ביי שאשלעשידעס

13) עס דיר נישט אן מיט פיצא אין פרענדש רייס אויף א שבת'דיגע קישקע, אויב עסטי מלוהמאלכע עס רוהיגע עסן, מעש-פעטעטא איז זייער ראטזאם

14) טרינקען קאווע, אבער נישט קיין שטארקע קאווע

15) א קאפיטל תהילים

נרצה אויב וועסטו טוען אלעס וואס דא שטייט, וועטסי זיין באוויליגט מיט א רוהיגע קישקע און רוהיגע מלאכים, זיי וועלן מער נישט זיין הייפערעקטיוו!

**שמעקעדיג** • 17טן דעצעמבער 2013

עס איז דא נאך איין וויכטיגע פונקט וואס שטייט שוין פון פריערדיגע און עד היום הזה ווערט עס איבערגע'חזר'ט ביי די יודעי דבר, און דאס קען פארמינערן בויך ווייטאג און גאז און העלפן בעסער פארדייען: טרינקט נישט אינמיטן עסן!! בפרט נישט קיין וואסער אדער סעלצער!

קענסט טרינקען א טראפעלע בראנפן פאר לחיים נאך דעם פיש; אויב ממש דו שטיקסט זיך טרינק נאר כדי טעימה בעלמא אראפצושטיקן דעם עקשן; ערשט א 10-15 מינוט נאכן ענדיגן עסן קען מען טרינקען. עס מאכט א ריזיגע חילוק! באדעק אימניאוסע.

**zurich** • 18טן דעצעמבער 2013

מענין לענין באותו קנין, שבת ביי מנחה האב איך אזוי רחמנות אויף די קינדער זייער נאז איז נעבעך פונקט אנטקעיגן די מאפלערס!!

**שמעקעדיג** • 18טן דעצעמבער 2013

רחמנות? ווער האט צוגעכאפט אלע קעיק ביי קידוש צופרי? שעמען זאלן זיי זיך!!!

**זלמן זאפיר** • 18טן דעצעמבער 2013

דעס האב איך באקומען עשרה בטבת פאריגע וואך פרייטאג פין א הונגעריגן יוד

די צוויי שיינע גרויסע בארכעס גייען אי"ה אריינגיין אין אויוון אויף 350 דעגרי פופצן מינוט בעפארן זמן הדלקת הנירות אין דעם אויוון גייט פארלאשן ווערן פופצן מינוט נאכן זמן, קיין סעקונדע נישט פריער,

די חלות בלייבן אין אויוון ביז קידוש,

עס קומט א קנאקעדיגע שלום עליכם נאכגעפאלגט מיט א הילכיגן שמעק בשמים וואס אלע מלאכי חבלה וועלן זיך דערפון דערשרעקן.

אוי גייט מען נאכדעם מקדש זיין על היין מיט א גרויסן בעכער האלב פול מיט קאנקארד גרעיפ אין האלב פול מיט פריזינג גרעיפ דזשוס וואס איז שוין אביסל סלאש,

די חלות די וואך גייט מען אויפשניידן אין דער לענג אנשטאט אין דער ברייט אלץ א זכר צו הילל הזקן וואסיז געליגן אויפן בוידעם פון שמאיע ואבטליון,

דערנאך קומט אריין די פיש, א גרויס ווײדל סעלמאן פיש מיט צוויי גאנץ דיקע רביש'ע סלייסעס געפילטע, באצוקערט מיט פיינע געגליווערטע קאטשעניו אין וואס די קריספי ווארימע חלה גייט בקרוב אריינשטעקן אירע נעגל,

צו דעם פיש קומט צו א טוץ מיט דיפס,

אכטונג: מ'דארף אבאכט געבן וועלכע דיפס מ'נעמט כדי דאס מאגן זאל נישט ווערן איבערגעפילט פאר דער צייט,

די דיפס גייען זיין ווי פאלגענד,

טאמעיטא דיפ

גריללד באבאגאנוש

חרייאנעיז

אליוו דיפ

אראבישע תחינה

דזשעלאפינאו

טאמער איינער גייט מיך דא נאכמאכן וויל איך בעטן צו ניצן דעם קאפ אין נישט די פיס, מ'דארף קענען בוחן זיין וועלכע דיפ מ'נוצט צו דעם פיש אין וועלכע מ'טינקט עקסטער, ווי אויך פאר וועלכן דיפ עס איז כדי אוועקצולייגן דעם חלק הראפאגאש שבחלה,

נאך דעם פיש: קומט א פולער ברוינפן גלעזל פון וואדפארד רעזערוו (רום טעמפעטשער!) ווי מ'וועט אי"ה וואונטשן לחיים לכל הנאספים,

דער זופ גייט מיר די וואך מוחל זיין אז כ'גיי נישט עסן מער ווי צוויי לעפל טאפס,

ספעיר ריבס פאר דעם פלייש מיט א פעין שטיקל פאטעיטא קוגל וואס וועט אי"ה געגעסן ווערן מיט גרויס התלהבות,

דערנאך וועט אריינקומען די דעזערט מיט א פריזינג פלעשל קאראונע ביר,

נאכ בענטשן וועט אי"ה זיין ויעניז קראנטש, פאפ קארן, פיסטוקעס, קעשוס, מארשמעלאוס מיט אודך פריזינג ביר,

פיפל, פליז טריי דיס,
נישט פארגעסן אזויווי כ'האב שוין אמאל דערמאנט, פאר דער סעודה עפנט מען דעם קנעפל ביים האלז, די קנעפלעך פון די ערמל אין מ'עפנט דעם פאסיק, בדוק ומנוסה!!
מאצעשאבעס עמער הערן ווער ס'האט מיר געקאפיעט

**זלמן זאפיר** • 18טן דעצעמבער 2013

שאץ נישט אונטער א הונגעריגע יוד'שע קישקע

**berlbalaguleh** • 18טן דעצעמבער 2013

ר' זלמן: נאכ'ן ליינען די פיינע סעודה וואס דו האסט אריינגעהאקט לכבוד שבת קודש, בין איך סתם נייגעריג צי דו שלאפסט מיט אן אפענעם פענצטער. אה, יעצט דערמאנט. די שכנים וועקן זיך נישט אויף מיט שרעק?! מיינענדיג אז ס'איז אן ערדציטערניש...

**גאנצל** • 19טן דעצעמבער 2013

בקוצר איין זאך דארפסטו וויסן איידער דו זעצסטיך רוקן

אויב שבת אסאך עסטו
מוצאי"ש יושב'ן דערפאר וועסטו......

**טיטאניק** • 22סטן דעצעמבער 2013

ווי זינגט ר' מיאכאלען?
חברה שרייבט דא וויאזוי איז אריבער שבת?
בעיקר דעם מוצאי שבת?
איך? איך האב אויסגעפאלגט די נייע תקנות, אשר תקנום חכמי הקאווע שטיבעל, און פלאי פלאים, די מלאכים זענען ארויס אויף א סטרייק מוצאי שבת, נישט אויסגעפעלט קיין קאווע, נישט גארנישט, עס איז געווען שטיל אויפן וועלט!

קולטור • קאווע

# ווי אזוי מאכט מען א געשמאקע קאווע?

פונעם בוים ביזן גלעזל: וואס איז א קאווע באנדל, וואס טוט זיך ביים ראוסטן און ביים מאלן, און ווי אזוי מאכט מען אינדערהיים א קאווע ווי אין א קאפע.

פון **DotCom**

קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • „וויאזוי מאכט מען א פיינע געשמאקע קאווע? ארטיקל“ • 15טן יוני 2012
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/865.html

דא אין קאווע שטיבל דרייען זיך ווי פארשטענדליך אסאך קאווע ליבהאבער'ס ווי די נעמען זייערע זאגן עדות, באריסטא, דזשאווא, סטארבאקס, און נאך אסאך, איז אוודאי דא פאסיג אויסצושמועסן אלע אינטערסאנטע פאקטן ארום דעם בארימטן קאווע געטראנק און דערגיין וויאזוי מען קען אליין מאכן א פיינעם נארהאפטיגן קאווע ביי זיך אינדערהיים, אפיס אדער ווי אימער מ'זאל נאר זיין.

באמת, איז קאווע אסאך מער א חכמה ווי א מלאכה, די מענטשן וואס באקומען דעם געפיל צו קאווע וועלן מיט דער צייט דעוועלאפן אן ארטיסטיש געפיל צום קאווע געניו ווי מיט אלע אנדערע ארט'ס, זייער אסאך האלטן אז קאווע איז פונקט אזא ארט ווי ווייַן און אנדערע רייכע געטראנקען וואס מען דארף פארשטיין דערצו און מען דארף האבן דעם געפיל דערצו אויף צו קענען ארויסנעמען דעם ריכטיגן טעם, במשך די יארן ובפרט אין דעם לעצטן יאר הונדערט האבן זיך שוין טויזנטער מענטשן אריינגעלייגט אינעם קאווע סוגיא, הונדערטער מאשינען זענען ארויסגעקומען, אומצאליגער שטודיעס און סטאטיסטיקס אדורכגעפירט געווארן, ביליאנען דאלארן איז שוין געספענדעט געווארן, אלעס נאר פאר איין ציל: וויאזוי ארויסצונעמען דעם מאקסימום טעם פונעם גרינעם קאווע באנדל! מיט דער צייט האבן זיך אסאך מענטשן געטראפן אלס קאווע פארשטייער און געעפנט קאווע געשעפטן, טייל דערפון זענען זיך זאגאר צו-וואקסן צו ריזיגע קייט געשעפן און אויסגעשפרייט איבער דער גאנצער וועלט, ווי אסאך פון אונז זענען שטענדיגע קאסטומער'ס.

ווייניג ווייסן אבער אז אליינס צו מאכן אינדערהיים א פראפעסיאנאלע קאווע איז נישט אזוי שווער, אדרבה מיט דער צייט ווערט עס גאר א האבי, אלזא לאמיר גיין צושטייטעלעך און קלאר צונעמען דעם נאטורליכן לעבנ'ס שטייגער פונעם באנדל, פונעם בוים ביזן גלעזל, און זען וויאזוי איעדער מענטש קען מיט פשוט'ע ידיעות און קנאפע ביליגע כלים ארויסנעמען דערפון די מאקסימום און מאכן א פיינעם קאווע מיט א ריח גן עדן און קאסטעמייזד פלעיוואר לויט דעם אייגענעם געשמאק, ממש אזוי ווי אין א סטארבאקס אדער נאך בעסער.

(אויפקלערונג: דער ארטיקל רעדט נישט פון אינסטענט קאווע ווי טעיסטערס טשויס, כאטש אז עס פארמאגט טאקע די 'קאפעין' סובסטאנץ וואס דערפרישט דעם מענטש, האט עס אבער נישט דעם עכטן קאווע טעם, אונזער ארטיקל רעדט אויסשליסליך נאר פונעם רייכן געשמאקן קאווע טעם ווי איר וועט לייענען שפעטער)

וואס איז דאס קאווע?

דער קאווע באנדל וואקסט אויף א בוים עס וואקסט אין רויטע בערי'ס, איעדער בערי האט 2 קערנדלעך וואס אט די קערנדלעך זענען אונזערע קאווע בונדלעך. זיי וואקסן מערסטענס אין די טראפישע לענדער ווי אפריקע, סאוט אמעריקע און סאוט אזיע, דאהי אין די יונייטעד סטעיטס וואקסן זיי נאר אין האוואי און אין פארטא ריקא.

טיף אינעווייניג אין איטליכער קאווע באנדל ליגט צווישן אנדערע באהאלטן א געוויסע אויל, גערופן 'קאפעאהל' (Caffeol), וואס דער דאזיגער אויל דארף מען ערשט אנטוויקלען, דערנאך איזאלירן פון די נישט גוטע אוילן, און דערנאך ווען מען לייגט עס אריין אין הייס וואסער ווערט דערפון דעם בארימטע קאווע געטראנק.

דער ריכטיגער טעם פונעם קאווע איז ביטער אבער ענטהאלט א גאר רייכן אייגנארטיגן טעם און גערוך (Aroma) וואס שווימט גראד אריין טיף אינעם מענטשנ'ס אינערליכע פארגעניגן נערוו אויף אן אפעטיטליכן פארנעם, דער 'קאפעין' סובסטענס וואס דער קאווע ענטהאלט איז אן עקסטערע באנוס פונעם קאווע באנדל איר טבע איז אויפצופרישן און סטימולירן דעם מענטשנ'ס בלוט און מח און פארשטייט זיך דעם געמוט, דער קאווע געטראנק לאזט איבער א געשמאקער נאכ-טעם און א השפעה אינעם בלוט סיסטעם פאר א לאנגע צייט. מה רבו מעשיך ד'!

אבער אדם לעמל יולד, אזוי ווי מיט א יעדער אנדערע גוטע זאך אין דער וועלט ברויך מען זיך אויף דעם אויך פלאגן, כדי צו טועם

זיין דעם ריכטיגן טעם מוז מען ארויפשארן דעם ארבל אביסעלע, אדער אויסליידיגן דעם טאש.

די ארבעט פון אויסארבעטן דעם קאווע איז א צוויי־פאכיגע, קודם דארף מען אוועקנעמען די שלעכטע אוילן פונעם באנדעל און דערנאך פראדוצירן דעם גוטן אויל, און די פראסעס וויאזוי מען טוט סוקסעספול אויסארבעטן דעם באנדל באשטייט פון פיר שטאפלען ווי פאלגענד:

1. אויסארבעטן: אפטיילן דעם באנדל פונעם בערי און טרוקענען.
2. ראוסטן: אפבאקן דעם באנדל.
3. מאלן: צומאלן דעם באנדל אויף שטויב.
4. בראטן: אפ-בראטן דעם שטויב אין הייס וואסער.

קוקט אויס גאנץ גרינג, אבער באמת איז דא הונדערטער וועגן און מיטלען וויאזוי צו טהון די יעדע פון די פיר סטעפ'ס, און יעדער מיטל (מעטאד – Method) האט צענדליגער פרטים ופרטי פרטים וואס יעדער פרט פאר זיך וועט אויסמאכן א חילוק אינעם ענדגילטיגן טעם. נישט אלע פרטים איז וויכטיג צו וויסן בכדי צו מאכן א גוטן קאווע, און נישט אלעס קען מען בכלל באשרייבן אויפאיינמאל, אבער איך וועל פרובירן אראפצושרייבן די סאמע וויכטיגסטע פרטים וואס איז נוגע פאר יעדן, וואס אויב דעס ווערט פארנאכלעסיגט איז עס יצא שכרו בהפסדו, א שאד געווען די צייט און דאס געלט.

[פארקירצט]

סטעפ 2) באקן – ראוסטן – Roasting

ווי פריער ערוועגט, דער באנדל רויערהייט פארמאגט פארשידענע אוילן און מינעראלן, זיסע און ביטערע און רוב פון זיי זענען אומב'טעמ'ט פארן מענטשליך מויל, דער געשמאקער 'קאפעאהל' אויל וואס איז רעספאנסעבעל פאר'ן געשמאקן קאווע פלעיוואר ווערט נאר פראדוצירט און אנטוויקעלט דערנאך וואס דער באנדל ווערט אפגעבאקן אויף א דעגרי פון בערך 250 סעלציוס פאר בערך 15-20 מינוט, בשעת'ן ראוסטן וועלן די אלע אנדערע נישט גוטע אוילן און מינעראלן צוביסלעך פארשוואונדן ווערן, טאקע נישט איינגאנצן אבער ווי לענגער און הייסער אלס מער פון די נישט גוטע גייט אוועק, ביים ראוסטן דארף מען שטארק אובאכט געבן נישט איבערצוגיין, אויב ראוסט מען אביסל שטערקער ווי מען ברויך וועט די גוטע אויל אויך פארשוואונדן ווערן, און איבערבלייבן וועט מען מיט א ברוינעם באנדל ענליך צו קאווע.

ראוסטן איז א גאר וויכטיגע פעולה וואס האט א דירעקטן השפעה אויפן טעם, אלע פאקטארן וואס נעמען אנטייל אינעם ראוסטן האבן א חלק אינעם טעם, דער ראוסטער מאשין, די היץ פונעם מאשין, ווילאנג מען ראוסט עס, און וויבאלד יעדעס מין באנדל פארלאנגט זיך אן אייגענער וועג פון ראוסטן געוואנדן אין וועלכע לאנד דאס באנדל איז געוואקסן, און וועלכער זומען-קערנדלעך האבן עס ארויסגעגעבן, דעריבער האט שוין יעדער קאווע מאניופעקטשערער זייער אייגענע אויסגעארבעטער פראפיילס וויאזוי זיי טוען עס ראוסטן.

פאר'ן מענטש בלייבט בלויז איבער אויס צו וועלן צווישן לייכט – מיטל – שטארק, געוויסע קאווע קאמפעניס רופן עס אן מיט צונעמען, 'פרענטש ראוסט' וואס רעפערירט צו זייער שטארק, 'איטאליאן ראוסט' - שטארק, 'אמעריקען-ברעקפעסט ראוסט' - נארמאל, 'האלב סיטי ראוסט' - לייכט, און נאך פארשידענע צונעמען וואס יעדער נאמען איז געראוסטעד אויף אן אנדער וועג און שטאפל, נישט קיין חילוק וואס דער נאמען איז וועט אבער געוועגליך שטיין קלאר ארויסגעשריבן אלע אינפארמאציע, דער חילוק צווישן די אלע איז בעיקר אין טעם, דער כלל איז ווי ליכטיגער געראוסטעד אלס מער פון די אריגינעלע אוילן (און קאפעין בתוכם) זענען נאך פארבליבן דעריבער איז עס מער ביטערער, און ווי טונקעלער געראוסטעד אלס זיסליכער און גערייכערטער די פלעיווארס, אלס מער און שטערקער דער קאווע טעם.

[פארקירצט]

קאווע פאקט: די קאווע פלעיוואר וועט אנפאנגען אויסוועפן פון די באנדלעך בערך 2 וואכן נאכדעם וואס עס איז געווארן אפגעבאקן! אפילו ווען דער באנדל איז נאך גאנץ און האלט פאר'ן צומאלן ווערן! דעריבער וועלן די מבינים אייביג זוכן צו האבן ווי מער פריש, און פריש מיינט נישט פון ווען מ'האט עס אפגעשניטן פון בוים נאר פון ווען מ'האט עס אפגעבאקן, רוב געפעקלטע קאווע באנדלעך – אפילו ווען עס איז נאך גאנץ- וואס ווערן פארקויפט אין די גראסעריס זענען שוין געווארן אפגעבאקן צווישן א האלב יאר און א יאר בעפאר אויב נישט מער, כדי צו זיין מער זיכער אז די קאווע איז פריש אפגעבאקן דארף מען קויפן נאר אין קאווע געשעפטן ווי למשל סטארבאקס, דאנקין דאנאטס, און פרעגן דעם דארטיגן באריסטא (קאווע מבין אויף איטאליעניש) ווען עס איז געווארן געראוסטעד, טייל געשעפטן לייגן אפן אויס די אינפארמאציע, געוועגליך לייגן זיי עס אויפן טעוועלע אונטערן רעגיסטער.

[פארקירצט]

נאכ'ן ראוסטן אדער קויפן דארף מען זייער אויפפאסן אפצוהיטן די פרישקייט, קאווע איז זייער סענסעטיוו און פארלירט זייער שנעל דעם טעם אויב טוט מען עס נישט גוט האלטן, לופט איז די גרעסטע שונא פאר קאווע, נאכדעם קומט פייכטקייט, ליכטיגקייט, און היץ, די בעסטע איז אריינצולייגן די באנדלעך אין א קאנטעינער וואס מ'קען שטארק צושליסן און אוועקלייגן אין א טרוקענער טונקעלער קעבינעט אוועק פון די גאז רענטש אדער

אויון, ס'דא וואס זאגן אז צו האלטן אין פריזער איז גוט, ס'איז א גרויסער מחלוקת המבינים, אבער רוב פון זיי זענען מודה אז אויב גייט עס אריין און ארויס אפטער איז נישט גוט, ווייל ביים ארויסנעמען פון א קאלטע צו א ווארעמערע פלאץ ווערט א פייכטקייט ארום דעם באנדל וואס ווערט דערנאך איינגעזאפט אינעם באנדל און פארטרייבט דעם רייכן טעם און אראמא.

איינמאל מיר האבן זיך שוין איינגעהאנדלט א גוטן קאווע באנדל דארף מען עס גיין צומאלן.

סטעפ 3) מאלן – .Grinding

דער אויל איז שוין אנטוויקעלט אבער נאכנישט גרייט ארויסצוקומען, אויב וועט מען עס יעצט אריינלייגן אין הייס וואסער וועט גאר ווייניג פלעיוואר ארויסקומען, וועגן דעם פעלט זיך אויס צו צומאלן קודם, בשעת'ן מאלן ווערט די אויל אפגעבינדן פונעם באנדל און ווערט גרייט אפ-געבראטן צו ווערן. מאלן האט זיך זיינע אייגענע געזעצן, אסאך מענטשן שאצן אונטער דעם כח פון מאלן אבער באמת איז מאלן פונקט אזא וויכטיגע פאקטאר ווי אלע אנדערע פעולות און האט פונקט אזא שטארקע השפעה אינעם טעם שפעטער.

[פארקירצט]

סטעפ 4) בראטן – Brewing

ווען דער באנדל איז שוין גוט צוריבן און צומאלן איז עס שוין רייף פאר'ן בראטן, די בראטן וועט ענדליך איינקעשן די שווערע ארבעט פון ביז אהער, נאך וואס די קאווע שטויב וועט קומען אין בארירונג מיט בריעדיג הייס וואסער וועט די קאווע פלעיוואר ענדליך ארויסגיין פונעם באנדל און אריינגיין אין דעם וואסער און אזוי ארום אונז ערמעגליכן עס אויסצוטרינקען מיט א טיפע אפעטיט.

ביז פאר אכציג יאר צוריק בערך איז נאר געווען איין בראטן מעטאד, דאס איז געווען אז מען האט ארויפגעגאסן דאס הייסע וואסער דירעקט אויפן שטויב און געווארט אפאר מינוט און דערנאך אויסגעטרינקען, די 'זאמטיגע קאווע' ווי מ'רופט עס היינט האט געהאט 2 חסרונות איינס אז דער מענטש האט אייביג געדארפט אויפפאסן אז שווימעדיגע שטויב זאלן זיך נישט אריינגעליטשן אין זיין מויל און צווייטענס האט דער וועג נישט אלעמאל געקענט איינגאנצן ארויסנעמען אלע אראמא אויל, היינט צו טאג'ס זענען אבער פארהאן הונדערטער מעטאדן, יעדעס מעטאד האט זיך זיינע מעלות, אבער נאר איינצעלנע מעטאדן זענען געווארן אויפגעכאפט איבער דער גאנצער וועלט, הויפזעכטליך צוליב דער מאקסימום מאס פלעיוואר וואס די מעטאדן ברענגען ארויס, די מעטאדן זענען בעיקר די פאלגענדע דריי.

1. די דריפ ברעיו מעטאד– Drip brew
2. די עספרעססא מעטאד Espresso -
3. די פרענטש פרעס מעטאד – French press

[פארקירצט]

אונז אידישע קאווע ליבהאבער'ס האבן א פראבלעם שבת, איז גוט צו וויסן אז ס'איז אויך דא א מעטאד וואס הייסט די 'קאלט בראטן מעטאד', דאס ארבעט דורך אריינלייגן די קאווע שטויב אין וואסער פאר 20 שעה, גוט אויפשאקלען און עס לאזן אין א טרוקן פלאץ טייד צוגעמאכטערהייט, נאך 20 שעה וועט עס ווערן א קאנצעטרירטן סענס, איך האב עס נאכנישט אויספראבירט אבער די מבינים רעקאמענדן עס פאר מענטשן וואס ליידן אויפן מאגן ווייל די מעטאד נעמט ארויס אלע עסיד'ס אלנפאלס בעסער ווי אינסטענט קאווע איז עס מסתם. (בפשטות מעג מען עס נאר מאכן אין א כלי שלישי)

אין א נעקסטע געלעגנהייט וועל איך בלי נדר צולייגן אינטערסאנטע פאקטן און ידיעות איבער דעם חשובן געטראנק.

הומאר

# קידושא רבא אחר התפילה...

פעטער פינקי האט א מיידל, און די גאנצע משפחה גרייט זיך צום קידוש. א פעליעטאן וועגן קוגל, פלאנען, טעלעפאנען און פעטערס.

פון **בעל מדות**

קאווע שטיבל • א שמייכל • „קידושא רבא אחר התפילה...“ • 21סטן יוני 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9133.html

ס'בלוט איז מיר ארויפגעפלויגן אין קאפ, א סקרוך האט פארבלענדעט מיין רוהיגע מוד, די הילכיגע אויסשריי אז פעטער פינקי האט געהאט א מיידל איז געקימען אין פארעם פון א שאק, באגלייט מיט שמחה און דערהויבענע געפילן, די קלענערע האבן אנגעהויבן ווארפן האנטיכער באגייסטערט און באנימען, און פאר אינז עלטערע האט עס אויך שטארק צושאקלט די ווזען ווען יעדער שפורט מיט דער שמחה מיטן גאנצן הארץ.

קויף באלאנ'ס! רחי גייט האלטן יוכבד, און נתן גייט צו מומע אלישבע צירל, די איבריגע קינדער גייען צו מרס ווינשטאק די קינדער היטער, ווייל באבי זילבערשטיין האט געזאגט אז עס לוינט זיך דאס געלט נאר בכדי די קינדער זאלן זיך שפורן ווי אינדערהיים ביי ווינשטאק געבט מען זיך זייער איבער מיט די קינדער... מאמי איך קען מאכן א קוגל? ווער קען לויפן אין גראסערי מ'דארף מאכן א זיפ פאר דער קימפעטארן... איין מינוט ער קאלט אריין,... מממאאזייייל טאאב ווער איז עס? אה באבי! אסאך אידיש נחת ביי אלע אייניקלעך, יא אוודאי...יעה זיכער! יעדער האט שוין געהערט! אזא שמחה פאר יעדעם, קאלן וועם? פעטער מענדל איז אין שפיטאל? אה שוין אין ריהעב, כ'וועל אריינקאלן אים זאגן, איין מינוט איך האב א ביפ... ווער רעדט דא? אה פינקי! מזל טוווווב, איך רעד יעצט מיט באבי, אוודאי די קינדער זענען אזוי העפי, יעדער וויל וויסן וויזוי די בעבי קוקט אויס! האסט מיר שוין געשיקט א פיקטשער אויף אימעיל? נאכנישט באקומען! כ'קען קויםווארטן, וויפיל וועגט די בעבי? וואו קיין עין הרע, וואס זאגסטו? רופן וועם? איין מינוט קינדער זייט'ס שטיל! רופן דבר יום ביומו? מעלדן די נייעס? אקעי אלל טריי, איך וועל עס טון ווען איך האב צייט... איין מינוט מיין יונגל וויל זאגן מזל טוב... מיין ווייב וויל הערן די בעבי ווינען... קענסט איר געבן א ציפ?... אה זי ווינט יעצט פונקט? נאכאמאל זיך פארשפארט צער בעלי חיים...ווען גייען די קינדער גיין זען די בעבי אין שפיטאל? וואס זאגסטע? מיזט אראפלייגן? א דאקטער וויל רעדן? אקעי העמער רעדן! און נאכאמאל מזל ט...

עס טוט זיך טישן און בענק און די נייע בעבי, עס איז הימל און ערד און פעטער פינקי, מ'רעדט, מ'שמייכלט, ס'ציבור איז ענטואזיסטיש און ווער נאך ווי די באבע'ס זענען אין פולן שוואונג ארויסצושלעפן די פארשטויבטע טאשטיכלעך פון די ארכיוון, די טרערן פליסן, און באבע יענטע האט לכבוד די גרויסע זיג אין היטלער געעפנט די אוישוויץ נומערן, עס ווייזנדיג פאר די אייניקלעך וואס זענען אריבערגעקומען מיט גרויס פאראדע צו לעבעדיג מאכן אין שטוב לכבוד די נייע אייניקל.

די אנדרענעלין נידערט אראפ, אבער די שמחה איז ווייטער פול אקאמאדירט, פעטער פינקי קימט און פארט און לכבוד די שמחה האט זיך א נייע בלוטוט באזעצט אין זיין אויער סייסט? ער איז דאך געווארן א טאטע...זיין קאר אנטהאלט געמישטע געריכן פון די אומצאליגע געבעקסן און קוגלען וואס זענען שוין אין זיין טראנק פון דעם יום הולדת און האבן נישט געהאט קיין צייט אדערווייל צו ווערן אויסגעפאקט אין שטוב, פינקי'ס אויטא איז אויך געווארן היים צו א גאנצע ליסטע מאכלים מיטן צעטעלע פון דעם ביקור חולים צימער אין שפיטאל, אריינגערעכנט עטליכע קאנטעינער'ס מיט קעפ פון פישן, יאגורטן און צעלאזטע פאקסי פאפ'ס, "איך בין דאך א קימפעטארן" איז געוועזן זיין מחשבה ביים ארייגלייגן עטליכע טשאקאלאד באר'ס אינעם הויזן טאש.

די מצב איז הויעך, די משפחה איז ווילד בשמחה, יעדער איז גוטמוטיג און ביי אלעמען אין די מחשבות לויפן אריבער די פלענער און פאנטאזיעס איבער דעם גרויסן קידוש וואס גייט זיין.

אלעס ווערט ערלעדיגט, פעטער פינקי איז אין פולן טראסק פון זיין קידוש צערעמאניע, ער האט שוין געמאלדן פאר חיים חייקל די משמש פון דער הילוויע שול אז ער פלאנט צו מאכן זיין קידוש אינעם בעיסמענט, און אויף דער טענה פון דעם משמש אז עס איז זייער קליין האט ער געזאגט נעע מען וועט זיך שוין אנייצע געבן..."די זעע נאר עס זאל זיין עיר קאנדישן" האט ער אויסגעפירט ווי א וועלט ארויסהאבער.

עטליכע געשעפטן האבן שוין זוכה געווען אז פעטער פינקי זאל אויף זיי אראפהאקן די טעלעפאן נאכן געבן פרייזן וואס פינקי האט עס באצייכנט אלץ חאזעריש.

סעלצער וועט שוין זיין! און געדענק נאכאמאל די ברענג נישט קיין סעלצער איך האב נאך פון קמחא דפסחא עטליכע באקסעס איך זוך צו שפארן געלט, די סטרעטשיס קאסטן מיר גענוג, פינקי האט ענדליך געטראפן די קעיטערער וואס זאל אנעמען און זיך פארגלייכן אויף א פרייז און פינקי האט זיכער געמאכט אז דער זאל מיט קיין ריוח נישט ארויסגיין ערלעדיגנדיג די עטליכע טעצער קישקע "וואס וועט שוין מיטגיין" מיטן פרייז...

די שול איז איבערגעפילט עד אפס קצהו, מחותנים, ביז שוסטער'ס, שוואגער'ס און משולחים, אלעס שוויצט, פינקי'ס נייע שטריימל איז אויך מערקבאר, עס קימט צום ליינען,פינקי ווערט אויסגערופן, די שול שושקעט, ער איז עולה, מען געבט א נאמען צום קינד "קיילא דוואשע פעסל" על שם די שוועגערינס עלטער באבע וואס איז נעבעך אוועק אזוי יונג, ביים אנדערן זייט מחיצה גיסט זיך די טרערן ביי דער שוועגערין און זי שעפשעט מיט מיטן הילכיגן מזל טוב אויסשריי וואס שאקלט די טשענדעליערס, א פארע שוועבט געדעכט אין גאנצן חלל, פינקי איז פארנימען צוריקצושלעפן די טלית אויף די אקסלען ווען פון אלע זייטן שלעפט מען אים די האנט, יעדער אויפאמאל קומט צום באלעמער אים וואונטשענדיג הויפענעס מיט ברכות מיט פארגינערישע הערצער.

עס איז "מוסף טיים" א יופאריע לויפט אריבער די שול און פליצום ווערט די גאנצע בית המדרש א ווירבלענדע בינען שטאק מיט שרי העסקנים, טישן רוקן זיך צוזאם, מען קען נישט דאווענען, בענקלעך אויסמארשירט, א וואלענטיר גייט צו צום עמוד דאווענענדיג שנעל נאכן ערהאלטן אזא וואונק פון דעם אנגעצויגענעם פינקי וואס וויל זיך זען אויבנאן.

קינד און קייט זענען איינגעטון אין דער עבודה פון אויסשפרייטן טישטיכער, די מער טיכטיגערע טאלאנטן זענען פארנימען אין חדר ב' שניידן גראדע סלייסעס קוגל און עס אריינלייגן אין טעצער, אנטשי נעמט גאטס און טוט אויס די שטריימל, די דיין שושקעט, פינקי איז אנגעצויגן, די בעל תפלה גארגלט זיין שטימע, טעצער הערינג ווערן געטראגן העכער די שטריימלעך דורך די ערנערגישע בחורים וואס מאכן זיכער אז קיין איין שטריימל ווערט נישט אויסגעלאזט פון ווערן אנגעגאסן מיט אויל אדער שמאלץ למזכרת המאורע.

ווארימע סעלצער באטלעך קאולערן זיך אויף די טישטוכער וואס האבן מער קנייטשן ווי די סנפיר וקשקשת אויפן געדיכט פון א זיידע פיש, און די יאגעדיגע קינדער מיט שטראלענדע געזיכטער שיסן ארויף פרישע פלעשער דזשינדזשער עיל וואס עס איז סייווי געליגן הונטן אין קעלער פון שול.

עס איז יאגעדיג און זודיג, עס קאכט און ווירבלט די הויפט שול טויערן שפייען מיט מתפללים פון אלע בתי מדרשים וואס קומען צום קידושא רבה פון דעם פינקי'נען.

די היצן אין שול זענען ברענעדיג, די פארגעלטע עירקאנדישן קרעכצט געטריבן מיט פארצווייפלונג און יאוש, זי דערציילט דעם סוד פאר גאנץ בראד אז זי איז עלטער פון דעם טאטן פון די ניי געבוירנס.

אופס א טעצל "אייער קיכלעך" האט זיך איבערגעדרייט, ברענג א בעזים!, כתר!!!
הינדערט מענטשן אויפאמאל ווערן געלעמט מיט טעצער אין די הענט אויסקוקנדיג ווי מכת חושך אין מצרים.

די געטרייע משמש חיים חייקל איז אויסגעשוויצט ווי א וואנזיניגער שלעפנדיג אן עול וואס מאכט זיך נישט אזוי אפט, ער לויפט ארום מיט פלעשער וואדקע אין האנט און אן אסטראנאמישע ציפער ברוינפן גלעזלעך אין זיין בוזעם טאש.

אט אט ענדיגט מען שוין דאווענען, פינקי האט שוין פיבער, די משמש רופט אויס מיט קוראזש אז ערעבערעב פנחס יוסף שלום זארגנשטערן מחשובי מתפללי בית מדרשינו רופט דעם עולם צום שמחת הקידוש דא אין בית המדרש געבנדיג א דרוק ביים זאגן דא...

די פרעס כוואליע פון הינדערטער גייענדע מיילער מאטארן הייבט זיך אן ווי נאר אן עלטערע מתפלל מאכט קידוש, דערוילעם צישמעטערט די אייער קיכלעך עס טונקענדיג און אלע סארטן הערינג.

איך האלט מיט ווי מיין שכן'ס ציצית ווערט פארוואנדלט אין פולע קאלירן ווי פוירפל פון גרעיפ דזשוס, און ער איז מוסיף והולך מיט עטליכע אויל טראפן נאך יעדע דעליווערי פון טעלער ביזן מויל.

מיין אנדערע זייט שכן מיט אן אנגעפילט מויל געבט א ווילדע בלאז פון די נאזלעכער זעענדיג אז מען ברענגט אריין טשולענט, צובלאזענדיג די צוקער שטויב פון דעם אייער קיכל וואס ער האט אקארשט געהאלטן ביים צולייגן צום פיסק, שיקנדיג די שטויב אין אלע ריכטונגען.

אן עלטער פעטער וואס ליידט אויף דייעביטיס און צוקער, נישט קענענדיג עסן, אויך האבנדיג דעם מיחוש פון זעלבסט איינרעדעניש אויף א שיין שטום (באזונדער ארטיקל פאר זיך) הייבט אן די ניגון פון סימען טאב אימאזעל טאב... זינגענדיג עלנד ווילאנג די דיין האט אים אנגעהויבן ארויסהעלפן אויף א גאר אנדער טאן זיך הערנדיג ווי א כאר פון צימישטע מעלאדיעס, א שורה פון צעקראכטע ציינער באווייזן זיך ווען די אנדערע פעטער

הייבט אן מיטזינגען תיקף נאכן מודיע זיין אז ער איז שוין זאט אין פארעם פון א גרעבץ...

דער ציבור איז ווילד, ס'דא טשולענט, מען עסט זיך אן אן רחמנות, מען יאוועט אריין אין די בני מעיים (קרעדיט הרב אשר לעווין) וואס עס ליגט נאר אויפן טיש.

די צרה און אומגליק איז די מאמענט ווען יעדער אויפאמאל פאלט אריין אין א געיעג נאך טרונקען און ....גלעזלעך איז פארגעסן געווארן!

פינקי שיסט אראפ זיין טלית גראד אריין אין א שיסל שמאלץ וואס א בחור האט זיך געסעיווט אויס מורא פון א הונגער יאר און ער שיקט שנעל עמיצן צום קאווע צימער ברענגען גלעזלעך, ער קערט זיך אום מיט א שלל פאום קאפס וואס ווערט שנעל צוכאפט דורך דעם טיש פון בחורים וואס זיצן אנהויב בית המדרש.

קינדער כאפן טעלער'ס ארײנלייגנדיג דערין הערינג, טשולענט, ראלאש קעיק, און גאלערעטע, עס איז לעבעדיג...די בעקעלע לעבער איז סתם פארגעסן געווארן אין דער משמש שטוב אונטער עטליכע שמוציגע האנטיכער.

די הויעכפונקט פון שמחה געשעט ווען א קינד גליטשט אראפ א טעלער הערינג אויפן ערד זיך אנקלעבנדיג אינעם פריערדיגן שיכט אייער קיכלעך וואס ווארטן נאך אויפן בעזים וואס איז מיסטריעז פארשוואונדן געווארן שוין זינט די פאריגע שמחה אין בית המדרש.

יעדער איז אוליג, די בענקלעך מיט האנט אפדרוקן און גערוכן פון שמאלץ, און די טליתים וואס טראגן צוויבל אין אלע ווינקלען.

אנטוישט בין איך געווארן זעענדיג אז מען האט גענוצט אלע סערוועטלעך אפצואווישן די ערד, מיך לאזנדיג אין א פארלעגנהייט וואס צוטון מיט דער האנט מיינע וואס וועיזט סימנים פון קאקאש קעיק...

מזל טוב פינקי אזא שיינע שמחה געב איך א קלאפ אויף דער בעקיטשע פון דעם הויפט מחותן, אופס פארגעסן אז מיין האנט איז נאך שמוציג...מזל טוב אסאך אידיש נחת פון דעם טאכטער...

### א צעטל פון אמאל

„א איד" האט זיך דערמאנט:

זייער א שיינע ארטיקל, וואן אף עי קיינד.
די קעפל האט מיר דערמאנט, כהאב אמאל געזען א צעטיל, ווי וואלוויש ווייסהויז פון וויליאמסבורג רופט דעם עולם צ׳ו א קידוש פון אן אייניקל, שרייבט ער אזוי.
קידושא רבא אחר התפילה, קידושא זוטא (קאווע) לפני התפילה, ודפח"ח
דאס איז זיכער געווען נאך פאר קאווע שטיבלס צייטן, ווייל היינט איז שוין קאווע א קידושא מרובא.

קאווע שטיבל • 23סטן יוני 2015

---

**קורץ און שארף**

# פערל פון די ארכיוון

דריי קורצע שטיקלעך פון דריי פארשידענע אשכולות, אלע ארום טיש.

## וואס עסט מען פאר לאנטש?

**אלזא:**

וואס קען מען עסן פאר לאנטש און מ'זאל נאכדעם אויכעט קענען עסן נאכטמאל מיט אפטעטיט
חוץ זאכן וואס מ'עסט פאר פרישטיג דאס מיינט
אייער/שפייז
טונא
אייער מיט טונא
טונא מיט אייער

**זר זהב:**

פאפקארן מיט פיש זאפט אין דער זייט.

**לעמיל:**

געפילטע פיש פון די קען.
קרעדיט: זערל

**קליגער איד:**

די בעסטע זאך איז אז מען עסט נישט קיין לאנטש.. איך ווען איך עס לאנטש זאג איך פאר מיין וויב אז זי דארף נישט מאכו קיין סאפער.. עס גייט נישטביידע אדער סאפער אדער לאנטש

**איחוד פעלד:**

ביסט א מקולקל במיעיו?

**קליגער איד:**

איך האב פשוט נישט קיין גרויסע מאגן

קאווע שטיבל • „וואס קען מען עסן פאר לאנטש???“ • 23סטן אקטאבער 2012
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2183.html

## די ליבע פון עסן

**פונדעסטוועגן דאך:**

א חבר דערציילט מיר דאס פאלגענדע..
(איך מיין אז עס איז שוין באשריבן געווארן דא אמאל, איך ווייס נאר נישט וואו. והמלנקקים ילנקקו.)

"ווען איך עס א שטיקל פלייש, רעד איך מיך צונויף מיט דער בהמה אדער עוף. איך דמיון פון זיין לעבן, פון אלע זיינע דורכגענג.
איך פארשטיי אז ער קען נישט ארויסברענגען אפי' פאר זיך אליין, אלע מצבים זיינע. אבער איך מיט מיין הבנה באלעב זיי.
דערנאך באגריס איך דעם בהמה אדער עוף. איך בין מסביר אז יעצט גייט ער האבן אסאך נייע און גאר אונטערסאנטע מצבים און עקספעריענסעס. ווייל ער גייט ווערן מיך.
עס איז א גרויסע שמחה ביי מיר אז איך געב דעם בהמה א מעגליכקייט צו עקספעריענסן מענטשליכע עקספעריענסעס.
נישט נאר במחשבה שפיר איך א געוואלדיגע נאענטשאפט צו דער בהמה, נאר עס איז בפועל ממש.
ער ווערט איך, איך ווער אים.
די גרעסטע דרגא פון אהבה געשעט יעצט. אחדות ממש.
עס איז זייער א זיסע עקספעריענס, ווייל וואו באקאנט, איז אהבה די זיסטע זאך וואס איז דא."

ער לייגט דערנאך צו דאס פאלגענדע.

"טייל מאל ווייל איך ליבערשט עסן עפעס וואס האט געהאט פילונגס, ד.ה. א דבר הבא מן החי, ווי איידער פון א צומח. ווייל איך קען מער קאננעקטן צו א בעל חי."

מאכט מיט דעם וויאזוי איר ווילט.

קאווע שטיבל • „די ליבע פון עסן“ • 16טן סעפטעמבער 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7195.html

## עסן מיט א קול

**שאלתיאל:**

איך בין היבש סענסיטיו צו מענטשליכע קולות פון עסן. ווען כ'זיץ מיט א מענטש, אדער נעבן א מענטש וואס עסט מיט א קול (פארשטייט זיך אויף א הויעכע וואליום) שטערט מיך עס שטארק און ס'מיך פשוט נישט אנגענעם צו רעדן מיט אים אדער אפי' זצן נעבן. אפטמאל קומט דאס באגלייט מיט א ברייט אפענע מויל וואס אנטפלעקט איר אומהיימליכן אינהאלט פארן ברייטן פובליקום.

האט נאך איינער אזא איינדרוק?

קען א מענטש טוישן אזא אויפירונג?

איז עס א געבוירענע זאך אדער א זאך וואס מען האט זיך נישט אויסגעלערנט אינדערהיים אלץ קינד?

**:berlbalaguleh**

איינער האט אמאל געזאגט אז ביי אידן זעט מען רעדן. און מ'הערט עסן...לאל.

קאווע שטיבל • „עסן מיט א קול – מער שכיח ביי די היימישע ציבור?“ • 13טן דעצעמבער 2023
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16749.html

**היסטאריע**

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פֿארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 23סטן נאוועמבער, אין פֿריערדיגע יארן?

14
יאר צוריק
2012

# קידוש לבנה אבזערוואציעס

**משה געציל** • קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • 23סטן נאוועמבער 2012

בערל דער גבאי שני האט געירשנ'ט בירושה פון זיין פארגייער, דאס אויסקלאפן נאך מעריב "קידוש לבנה" ... פראבירן זאל נאר א צווייטער אויסצוקלאפן.

שמואל נחום -אזוי ווי יעדענס מאל- האלט אז מען זאל נאך ווארטן אפאר מינוט, ווייל דעמאלטס וועט דער לבנה אנקומען צום קלימאקס פון איר שיינקייט (נאך א מזל אז מען געברויך נישט א הדרדיג'ע לבנה ווי אן אתרוג...)
ר' יצחק אייזיק וועט דייקא נישט נעמען א זאגערל פון דער וואנט, נאר ענדערשט א סידור כדי צו קענען זאגן למנצח בצורת המנורה.

שלום האט א מנהג מקובל, הויך אויסצושריין "חק נתן ולא יעבור", און פארזעצן מיט דעם ברכה מילה במילה בקול רם גדול בהתלהבות עצומה. ווען איך האב אים אנגעפרעגט וואס ער האט אינזין ביי קידוש לבנה, האט ער פונקט געמוזט לויפן, אויפדערוויל -ווי לאנג ער איז אזוי פארנומען- בלייב איך זאגן אויפן זעלבן נארמאלן טאן.
משה אברהם האט שוין פון לאנג דער חזקה, צו שטיין לעבן דעם רב ביי קידוש לבנה אויף וואס ער איז נישט מוותר ח"ו, יעבור עליו מה.
דוד -שוין נישט קיין אינגערמאנטשיג גראדע- הייבט זיך ביי "כשם שאני רוקד", למעלה מעשרה טפחים.
זרח וויל א יעדעס מאל פון פריש וויסן פארוואס מען זאגט דער פסוק תפול עליהם דריי מאל פארקערט. (פארוואס מען זאגט עס געהעריג דריי מאל ווייסט ער שוין...)

מעכל האט א מנהג, אז ער גיבט שלום עליכם פאר אלע וואס שטייען אין זיינע ד' אמות, ח"ו קיינעם נישט ווי צו טון.
נחום ווארט שוין אז א בחור'ל זאל אים צוקומען געבן שלום עליכם, ער זאל קענען ענטפערן מיט א שטרענגע מינע "זאג נאר! איך בען עפעס דיין חבר"?!
ברוך -דער פאנדדרעיזר פארן כולל ערב- איז מקפיד צו שטיין ביים זייט פונעם גביר און אים געבן שלום עליכם מיטן וויץ צוגעגרייט נאך פון פאריגע חודש, אה! מ'האמיר זיך שוין לאנג נישט געזען.... (היינט פאר א טויש האט ער יא א טובה געטון און געגעבן א פערטל שמייכל).
ר' אבא האט שוין אן אלטע מנהג, ווען ער גיבט שלום עליכם ענטפערט ער תיכף צוריק פאר זיך אליינטס עליכם השלום, נאך איידער יענער קען אים צוריק ענטפערן. מסתמא האט ער נישט געפינען א ריכטיגע חבר וואס זאל זיין גענוג כשר אויף אים צו ענטפערן.
יוקל באקוקט זיך זיינע פעדעמער פונעם ציצית בבדיקת חורין ובסדקין.

יענקל (איך מיין נישט דיך, איך האב דירעקט געשריבן מיט א "עין"...), פאנגט אן טובים מאורות מיט א פרישקייט, ווי דענסמאל איז דאס ערשטע קידוש לבנה זיינער. עס וואונדערט מיר צו "לווים בזמרם" מיינט מען טאקע דעם ניגון.
בנימין זאב האט א מסורה, אז פאר א יעדע מאל וואס מען הייבט אויף איין פיס ביים טובים מאורות טאנץ, שאקלט מען די אנדערע דריי מאל שנעל.
פייוול כאפט אן זיין שכנ'ס האנט און רוקט עס אונטער יענעמס רוקן דייקא, אינטערעסאנט איז אז ביי הקפות איז ער זיך נוהג צו שלעפן יענעמס האנט צו זיינע לענדן.
חייקל איז דער ארכיטעקט פונעם רינג. ווען עס פעלט זיך אויס צו פארברייטערן איז ער דער וואס שלעפט זיינע שכנים מיט אים, ווען א צווייטער וועט עס טון אן זיין ערלויבעניש וועט ער זיכער מאכן עס צו צעשטערן.

משה מנחם שרייט שוין א גוטן חודש! א גוטן חודש! ווען דער עולם האלט נאך ביי "ברכה והצלחה"... און לויפט שנעל זיכן א יונג בחור'ל וואס זאל אים נאר האלטן די זאגערל פאר א מינוט, און פלינקערהייט יאגט ער אפ (עס איז געלאנגען די אקציע... הא?). אינטערעסאנט אז א צוויי מינוט שפעטער טרעף איך אים אין ביהמ"ד.

שטעלט אייך פאר ווען די זון וואלט ווען אננגעקומען איין מאל א חודש, צום זעלבן פינטל וואו זי איז געווען אין טאג פון איר באשאף.

4
יאר צוריק
2022

## וואס וויל ער שוין? אביסל טראכטן!

**שאלתיאל** • קאווע שטיבל • העמק דבר • 23סטן נאוועמבער 2022

וואס וויל ער שוין דער נאריש מענטשעלע? אביסל טראכטן! קוק אים נאר אן, ער טרעפט זיך אן אראפגעטראסקעטע אויף א מאדנע מיסטעריעזע פלאנעט, ארום אים ווירבלט מיט צענדליגע רעליגיעס, הונדערע שטראמען, מיליאנען דעות, יעדער שרייט חי וקיים אז דער איין איינציגן אמת ליגט ביי אים אין שראנק און וואס וויל דער צעמישטע מענטשעלע? אביסל טראכטן! אקטיווירן זיין אייציגן 'וואפן' דער איינציגסטע כלי מיט וואס מען האט אים אויסגעשטאט פאר מען האט אים אריינדעליווערט אין דער קאמפליצירטער וועלט און פראוון אויסגעפינען וואס דער העל טוט ער דא, פון וואו קומט ער און צו וואו דארף ער גיין.

אבער אהא! ווי קומט מען אן מיט טראכטן?

ער אקטיווירט דאס מוח'ל און הייבט אן נישטערן אביסל און אויף יעדער תירוץ שפראצט ארויס א יבול פון קשיות, פירכות און מהלכים. ווען ער מיינט אז ער קומט אן צו א שטיקל ענד פון א טונעל אנטדעקט ער אז עסצושפליטערט זיך צו הונדערטע עקסטענשאנס. ווי מער ער גריבלט עפנט זיך נאך און נאך הונטער-טירלעך און דער ספק וויל נישט קומען צום זעט. ווי הייבט ער אן?

און אינצוווישן ווען ער מאכט שוין יא אביסל פארשריט און רוקט זיך שטייטליך, ער איז מצליח אוועקגעשטעלט אן ארימע באלאנסירטע גרונד אונטער זיין פיס און גייט ווייטער אנטדעקט ער אז די נעכטיגע מסקנות איז שוין נישט גילטיג היינט. עבר זמנו. ער איז קלוגער געווארן. און אויב נישט זעט ער אז אנדערע, פיל קלוגערע פון אים זענען געקומען צו פונקט דער פארקערטע מסקנה פון אים.

און אויפן וועג, אוי גאטעניו, אויפן וועג, פארלירט ער אינגאנצן די תמימות, די התלהבות, די אינערליכע מאטיוואציע פון די יונגערע יארן ווען ער האט געגלייבט באמונה פשוטה, ווען אלעס איז געווען קריסטאל קלאר, יעדער זאך איז געווען אויף זיין פלאץ דבר דבור על אופניו און יעצט איז אלעס פארנעפלט און וואס ס'איז געליבן איז איין גרויסע פראגע צייכן.

ער קוקט אויף זיין חבר וואס שאקלט זיך מיט א פלאם פייער, כולו אש להבה, איין שטיק אינספיראציע, שעפט כוחות פון יעדער שלוש סעודה תורה פונעם רבי'ן און פון א שטיקל חסידישע ספר. אלעס לייכט, אלעס איז קלאר, ער ווייסט פונקטליך וויאזוי עס ארבעט, ווי ער דארף אנקומען און ווי ער שטייט. איז נישט געשמאקער צו זיין א נאר? האט @שמן למאור געפרעגט מיט וויטאג.

און צווישן מיר און דיר, וואס זאל ער טון? זאל ער פארמאכן ס'קעפל, אים לייגן שלאפן און אריינשטעקן דער קאפ אין ערד ווי א בת יענה? זאל ער אנעמען אלעס וואס מען זאגט אים, שאקלען מיטן קאפ און זיך אריינשאקלען ווי א חמור ביים טיש?

זאל ער אויפגעבן אויף דער איינציגסטער זאך וואס מאכט אים מותר מן הבהמה? עס מאכט דאך נישט קיין סענס!

דער דילעמע עגבערט מיך שטארק, ב"ה אז נישט נאר פאר מיר נאר פאר אסאך, קאווע שטיבל איז פיל מיט אשכולות וואס נעמען ארום אט דער דילעמע. ווי טרעפט מען די הענט און דער פיס אינעם ים פון ספיקות, ווי באלאנסירט מען צווישן דעם מוח און דעם לב. ווי האט אנאנים געשריבן?
[ציטאט אראפגענומען]

איך האב נישט קיין תשובה דערויף, אדרבה איך וואלט געוואלט הערן פון דעם עולם. איך פירקל נאר אראפ עטליכע ריכטונגען אין וואס איך האב זיך אנגעשטויסן אין מיינע וואנדערונגען:

עס זענען דא אזוינע וואס זענען מוותר אויפן אמת. זיי באזירן זיך אויף פאסטמאדערניסטישע מהלכים אז אמת איז רעלאטיוו און ס'נישט פארהאן קיין אביעקטיווע אמת און מען ממילא קען מען מוותר זיין אויף די חקירות ודרישות. וואס

מ'בלייבט איבער מיט איז נאר מיטן סאביעקטיוון 'זיך' און פון דארט קען מען זיך בויען יעדער לויט ווי זיין הארץ ציט. מען קען עס אפשר צוזאלצן מיט עס אראפלייגן אלץ גיין מיט דער 'נשמה'.

אנדערע מהלך וואס איך טראכט און געהערט ענליך פון ר' יצחק לאווי'ן איז צו גיין שטייט צוביסלעך, מיט ענווה און אנערקענונג אין דער באגרעניצונג פונעם מענטשליכן שכל, נישט אוועקווארפן אלעס וואס מ'גלייבט דערין, ווי האט ער געזאגט? ''טשולנט האט נאך דעם זעלבן טעם טראץ די חקירות''. פון דער אנדערער זייט נישט מורא האבן אראפנידערן דעם 'אמת' פון דעם טראן ווי ער איז געזעצן ביז היינט און ארײנלאזן געלאסענערהייט דעם ספק. צוביסלעך קען מען אנהייבן אנטוויקלען א געוויסע מהלך וואס רעדט צו דיין שכל. אמת, ס'וועט נישט האבן דער פעסטקייט און דער גלאץ פונעם 'אמונה פשוטה'דיגע אמת' אבער עס איז דווקא א מעלה, עס וועט מאכן דער מענטש מער טאלעראנט צו אנדערע שיטות און דעות און וועט דערמאנען דער מענטש אז ער איז באגרעניצט אין זיין געיעג נאכן אמת.

איך האב געהערט אמאל פון א גוטן איד על דרך 'דער הייל משל' פון אפלטון: דא אויף דער וועלט איז דא אן א שיוער פלעצער ווי מען ווייזט דער מאווי פון לעבן, געדענק אז דו ווערסט קיינמאל נישט וויסן אויף זיכער ווי ווערט געסקרינד דער ריכטיגע מאווי.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15670.html

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

אינעם שמועס וועגן די שבתדיגע מאכלים האט „zurich“ געגעבן „טיטאניק“ אן עצה טובה: טרינק מוצאי שבת א פיינעם הייסן קאווע, ס'וועט בארואיגן די מלאכים. „berlbalaguleh“ האט געענטפערט:

ס'א בפירוש'ע גמרא: „חמין במוצאי שבת מלוגמא“. פרש"י: רפואה!

**berlbalaguleh** • קאווע שטיבל • 17טן דעצעמבער 2013

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5441.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **פעליעטאן** | „א שפאציר אין מצה בעקריי“ · **shatz matz**<br>די ערשטע חסידישע בלאגס · שאץ מאץ · אשכול „א שפאציר אין מצה בעקריי“ · 12טן אפריל 2010<br>https://ershteblogs.sites.tab.bot/shatzmatz/2010/04/4.html |
| **וויסנשאפט** | „א כשר'ע שטיקל חזיר פלייש“ · **פארוואס?**<br>קאווע שטיבל · געזעלשאפט · אשכול „א כשר'ע שטיקל חזיר פלייש“ · 30סטן מאי 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8985.html |
| **היסטאריע** | „טענקסגיווינג: קען מען יוצא זיין מיט מודים?“ · **קאך_לעפל און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · געזעלשאפט · אשכול „טענקסגיווינג: קען מען יוצא זיין מיט מודים?“ · 27סטן נאוועמבער 2019<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13481.html |
| **איבערלעבונגען** | „דאס רעפטעלע ברויט“ · **משה געציל**<br>קאווע שטיבל · היסטאריע · אשכול „מלחמה זכרונות - דאס רעפטעלע ברויט“ · 29סטן יולי 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1267.html |
| **א שמועס פון דער וואך** | „פעטיציע קעגן דעם סדר פון שבת'דיגע מאכלים“ · **טיטאניק, שמעקעדיג, zurich און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „פעטיציע קעגען די סדר פון שבת'דיגע מאכלים“ · 16טן דעצעמבער 2013 – 22סטן דעצעמבער 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5441.html |
| **קולטור • קאווע** | „ווי אזוי מאכט מען א געשמאקע קאווע?“ · **DotCom**<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „וויאזוי מאכט מען א פיינע געשמאקע קאווע? ארטיקל“ · 15טן יוני 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/865.html |
| **הומאר** | „קידושא רבא אחר התפילה...“ · **בעל מדות**<br>קאווע שטיבל · א שמייכל · אשכול „קידושא רבא אחר התפילה...“ · 21סטן יוני 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9133.html |
| **היינט מיט 14 יאר צוריק** | „קידוש לבנה אבזערוואציעס“ · **משה געציל** · קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · 23סטן נאוועמבער 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2420.html |
| **היינט מיט 4 יאר צוריק** | „וואס וויל ער שוין? אביסל טראכטן!“ · **שאלתיאל** · קאווע שטיבל · העמק דבר · 23סטן נאוועמבער 2022<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15670.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „וואס עסט מען פאר לאנטש?“ · **אלזא / זר זהב / לעמיל / קליגער איד / איחוד פעלד** · קאווע שטיבל · „וואס קען מען עסן פאר לאנטש???“ · 23סטן אקטאבער 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2183.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „די ליבע פון עסן“ · **פונדעסטוועגןדאך** · קאווע שטיבל · „די ליבע פון עסן“ · 16טן סעפטעמבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7195.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „עסן מיט א קול“ · **שאלתיאל / berlbalaguleh** · קאווע שטיבל · „עסן מיט א קול – מער שכיח ביי די היימישע ציבור?“ · 13טן דעצעמבער 2023<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16749.html |
| **די תגובה פון דער וואך** | **berlbalaguleh** · קאווע שטיבל · 17טן דעצעמבער 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5441.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** דאנערשטאג, דעם 26סטן נאוועמבער – נומער 11, אויף פרשת וישלח. מאנטאג, דעם 30סטן נאוועמבער – נומער 12.

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.